מאקס עריק



# מענאכעמ־מענדל

## געשטאלט אונ מעטאָד

### ערשטער קאפּיטל: געשטאלט

1

די בריוו פונ מענאכעמ־מענדל פונ יעהופּעצ אונ פונ זײַנ ווײַב שײנע־שײנדל זײַנענ אָ סאָפּעק שאָלעמ־אלײַכעמס באדײַטנדיקסטע שאפונג, דאָס גרעסטע ווערק פונ שאָלעמ־אלײַכעמס רײַכער ליטעראַרישער יערושע. די גרונט־אידײ פונעמ ווערק—דער אומגלויבנ אינ דער מעגלעכקײַט פונעמ קלײנבירגערטומ אופגעריכט צו ווערנ באמ קאפּיטאליזמ, די סאטירע אי[נ] די בורזשואזע אילױזיעס באמ קלײנבירגערטומ, די ביטערע פארניכטנדיקע קריטיק פונע[מ] לופט־מענטש אונ פונ די לופט־פּארנאָסעס—באשטימט די הויכע פּ ר אָ ג ר ע ס י וו ק ײַ ט פו[נ] אָט דעמ ווערק. אײנע פונ די גרונט־פאָדערונגענ פונעמ רעאליזמ, דאָס ט י פּ י ז י ר נ, דאָ[ס] פּאראלגעמײנערנ וויכטיקע געזעלשאפטלעכע דערשײַנונגענ אינ קינסטלערישע געשטאלטנ־ווערט דאָ פּארווירקלעכט מיט אנ אומגעהײערער קראפט, וואָס האָט ניט איר גלײַכנ אינ דער גאנצער ײדישער ליטעראטור. ק י נ ס ט ל ע ר י ש איז דער מענאכעמ־מענדל־בוכ אײנער פונ די פולקאָמענסטע בא שאָלעמ־אלײכעמענ לויט דער אויסשעפּנדיקער פּאָרטרעטירונג פו[נ] די גרונט־געשטאלטנ, וווּנדערלעכער קאָמפּאָזיציע, אונ זאָרגפולער פאנאנדעראַרבעטונג אינ שלײפונג פונ יעדער דעטאל,—א מײַסטער־ווערק פונ אומדערשראָקענעמ אופרײַסנ, דעמאסקירנ, אנטפּלעקנ דעמ טיפ אָנ וואקלענישנ ביזנ סאָפ—א מײַסטער־ווערק פונעמ קריטיש[נ] רעאליזמ.

די צענטראלע געשטאלט פונעמ ווערק איז מענאכעמ־מענדל, אונ קײנ שום טיפּ, קײנ שום פּאראלגעמײנערטע געשטאלט, וואָס שאָלעמ־אלײכעמ האָט געשאפנ, האָט ניט דערגרײכט צו אזא מינ מאדרײגע פונ העלקײַט, פּלאסטישקײט, אָנגעזעטיקטקײַט מיט באדײַטונגפולנ סאָציאל־פּסיכאָלאָגישנ אינהאלט, ווי די פיגור פונ דעמ שלימאזלדיקנ יעהופּעצער סויכערל. די סינטעטישקײַט פונ שאָלעמ־אלײכעמס קינסטלערישסטער געשטאלט איז אזוי גרויס.

אז ס'איז געגוג אָנצורופן „מענאכעם מענדל", און מיר פארבינדן גלײַך מיט אָם דעם באַ־ ...ריף א ריזיקע סומע פון סאָציאַל־עקאָנאָמישע און סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע דערשײַנונגען אין שטריכן. די קינסטלערישע גוורע פון דער מענאכעם־מענדל־טיפּיזאציע איז אזוי גרויס, אז א ריי קרויוויִשע טיפּן און געשטאלטן, וואָס זײַנען שפּעטער געשאפן געוואָרן סײַ דורך שאָלעם־אליכעמען גופא, סײַ דורך אנדערע שרײַבער, דערשײַנען פאר אונדזערע אויגן די וואריאציעס פון דער מענאכעם־מענדל־געשטאלט, כאָטש פאר זיך געגומען, קאָ... ...ען עס זײַן דורכויס זעלבשטענדיקע פיגורן מיט א ריי נײַע אָריגינעלע שטריכן, מיט היפּש אנדערע סאָציאַלע סימאָנים. מיר קאָנען ריידן וועגן בערגעלסאָנס רובינשטיין פון „ארום וואָקזאל" ווי וועגן א פארומערטן, מאָרעשכוירעדיקן מענאכעם־מענדל; מיר געפינען וואַריאציעס פון דער מענאכעם־מענדל־געשטאלט בא באבעלס העלדן פון די אָרעסער דער־ציילונגען און באם אמעריקאנער רעוואָליוציאָנערן שרײַבער מײַקל גאָלד; מיר זעען אין פיניען, פון „מאָטל פּייסי דעם כאזנס", א פיגור, ווו דער מענאכעם־מענדעליזם איז ארי־בערגעוואָרפן פון דער מאטעריעלער אין דער אינטעלעקטועלער ספערע; מיר באטראכטן לייווי מאָזגאָוואָיער פון שאָלעם־אליכעמס „גאָלדגרעבער" ווי א וואריאציע פון דער מע־נאכעם־מענדל־געשטאלט, כאָטש ס'איז א פיגור פון א שטעטלדיקן טאָקער. דערבײַ זײַנען רובינשטיין, פיניע, מאָזגאָוואָיער געזעלשאפטלעך און קינסטלעריש דורכויס בארעכטיקט ווי זעלבשטענדיקע פיגורן. דאָ קומט צום אויסדרוק ניט אָרעמקײַט אָדער דעפעקטן פון די אויסגערעכנטע פיגורן אָדער שרײַבער, נאָר די רײַכקײַט און די מײַלעס פון דער מענא־כעם־מענדל־טיפּיזאציע. ענלעך שײַנט אונדז שטשעדרינס גרוסטילאָוו (פון „געשיכטע פון איין שטאָט") ווי א וואריאציע פון גאָגאָלס מאנילאָוו־פיגור, כאָטש ס'איז לײַכט צו זען אפילע אָן דער הילף פון ווּיסנשאפטלעכע קאָמענטאריעס, אז ס'איז אן עזאָפּיש גע־שלייערטע קאריקאטור אפ אלעקסאנדער דעם ערשטן.

און גראָד איז שאָלעם־אליכעם פון די דרײַ קלאסיקער פון דער בורזשואזער יידי־שער ליטעראטור געווען דער יעניקער, וואָס האָט איבערגעלאָזט די גרעסטע צאָל טיפּיזירטע געשטאלטן. אָבער ניט מאָטל דעם כאזנס, ניט שימעלע סאָראָקער, ניט לייווי מאָזגאָוואָיער, ניט טעוויע, אפילע, האָבן ניט דערגרייכט יענעם גראַד פון ווירקעוודיקײַט, קלאָרקײַט, אויסשעפּנ־דיקײַט, קאָנצענטרירטקײַט, וואָס צייכנט אויס די מענאכעם־מענדל־פיגור. און דאָס דער־קלערט זיך ניט דערמיט, וואָס מענאכעם־מענדל פארכאפּט א גרעסערן אָדער מער וויכטיקן סכום סאָציאַלע דערשײַנונגען, ווי לאָמיר זאָגן טעוויע. גראָד פארקערט: אויב מענאכעם־מענדל פארקערפּערט דאָס אקשאָנעסדיקע רײַסן זיך פון קליינבירגערלעכע שיכטן צו דער בורזשואזיע, צו זייערע ניט אויסגעלעבטע אילוזיעס בענגייע דעם קאפּיטאליזם, קומט אין טעוויען מער צום אויסדרוק די סטירעדיקײַט פון דער קליינבירגערלעכער עקזיס־טענץ, דעם קליינבירגערס צווײפגעשטעלטקײַט „פון א פון איין זײַט און פון א פון דער אנדערער זײַט" (מארקס), זײַן צווייענדיקײַט, וואָס באשטייט אין דעם, וואָס דער קליינ־בירגער „איז גלײַכצײַטיק סײַ בורזשוא, סײַ האמוינ" (מארקס). אויך טעוויע איז גלײַכצײַ־טיק סיי בורזשוא, סײַ האָרעפּאשניק, און מעמיילע שטעקט אין טעוויען א שטיק מענא־כעם־מענדל, און שאָלעם־אליכעם ווינקט קלוג דערופ, פארוואנדלענדיק טעחיען אין מע־נאכעמענדלס א קאָרעוו. מענאכעם־מענדל פארמאָגט אָבער ביז גאָר ווייניק טעוויעשע שטריכן, כאָטש איינגאנצן פרײַ איז ער ניט פון זיי, און זײַן לעצט וואָרט איז ווי בא טעוויען „מיר האָבן א שטארקן גאָט". טעוויע כאפּט אלזאָ ארום ברייטער דעם סאָציאַלן וועזן פונעם קליינבירגערטום, און אויב ער איז פאָרט ניט אויסגעוואקסן אין א פיגור פון אָנסאָפּעקדיקער

איבערצײַגונג־קראפט, אינ א געשטאלט, וואָס קאָנ אָנ רעשט אונ אָנ קיינ שום צווײַדײַטיק־ מיינ געלאָזט ווערנ אינ אונדזער טאָג־טעגלעכנ געזעלשאפטלעכנ פארקער, אינעמ טאָג־טעג־ לעכנ געברויכ פונ אונדזער פרעסע, ליטעראטור, פובליציסטיק אונ וויסנשאפט, ווי דאָס איז געשענ מיט מענאכעמ־מענדלענ,—איז די סיבע דערפונ יענע אפּאָלאָגיע, יענער אידע־ אליזאציע־שלייער, וועלכנ שאָלעמ־אליכעמ האָט ארופגעוואָרפנ אפ אָט דער באליבטסטער געשטאלט זײַנער. מיט א נאטירלעכ שטיל־שווײַגנדיקער צושטימונג שרײַבט שאָלעמ־אליכעמ אינ א בריוו פונעמ יאָר 1914: „מײַנע פרײַנט, פארערער אונ קריטיקער, וואָס האלטנ זיכ פאר מעווינימ, האָבנ אויסגעפונענ, אז די קרוינ פונ מײַנ שאפנ איז „טעוויע דער מילכי־ קער" מיט זײַנע זיבנ מײַסעלעכ וועגנ זײַנע טעכטער מיט זייערע גליקנ. זיי זאָגנ זאָגאר אז „טעוויע" איז א באזונדערע וועלט אָנשויונג"... (ש'א—בוכ, 250).

ניט מענאכעמ־מענדלענ, נאָר ט ע וו י ע נ האָט ש'א געהאלטנ פאר דער קרוינ פונ זײַנ שאפנ, אונ ניט געקוקט אפ טעוויעס צעצווייטקײַט, איז ער פאר שאָלעמ־אליכעמענ „א פראָסטער, נאָר ג א נ צ ע ר... ייִד" (דאָרט). אונ עס איז גאנצ נאטירלעכ: „דער קליינביר־ גער—זאָגט מארקס—פארגעטערט דעמ ווידערשפרוכ, וואָרעמ דער ווידערשפרוכ איז דער יעסאָד פונ זײַנ וועזנ. ער אַליינ איז ניט עפּעס אנדערש, ווי דער געזעלשאפטלעכער ווי־ דערשפרוכ, פארקערפערט אינ טאט. ער דארפ אינ דער טעאָריע בארעכטיקנ דאָס, וואָס ער איז אינ דער פראקטיק" (24, בריוו, אדאָראטסקיס אויסגאבע), אונ שאָלעמ־אליכעמס גאנצער צוגאנג צו טעוויענ איז די קינסטלערישע בארעכטיקונג פונ דער סטירעסדיקער פראקטיק פונעמ קליינבירגער. [פונ זײַנע וואקלענישנ צווישנ דער בורזשואזיע אונ דעמ האמוינ, צווישנ דעמ באלעגופישנ קאצעוו אונ דעמ אָרעמענ שנײַדערל מאָטל קאמזויל, צווישנ דעמ רעוואָליוציאָנער פעפערל אונ דעמ גוויר פעדאָצור, צווישנ „ערעצ יִסראָעל" אונ דעמ „גאָלעס", צווישנ רעליגיע אונ דער אײגענער טרויעריקער לעבנפראקטיק, וואָס פירט ארופ אפ היפש אפּיקאָרסישע געדאנקענ] אונ אזויארומ שאפט שאָלעמ־אליכעמ אינ „טעוויענ" א מינ קינסטלערישע „פילאָסאָפיע פונ עלנט", וואָס בארעכטיקט דעמ עלנט פונ דער קליינבירגערלעכער צעשפאָלטנקײַט, שטאָלצירט מיט איר אונ פארוואנדלט זי אינ א גאנצער וועלטאָנשויונג. אזא מינ אפּאָלאָגיע האָט אָבער געמוזט מינערנ די קראפט פונעמ רעאליסטישנ געמעל אינ דעמ טעוויע־ווערק, האָט געשטערט געבנ די ריכטיקע פערס־ פעקטיוו אונ אָריענטירונג בענעגייע אָט דער פיגור, האָט ארײַנגעבראכט א שטארקנ סענטי־ מענטאלנ שטראָמ אינעמ ווערק, וואָס פארמאטערט אונ שוואכט אָפּ זײַנ רעאליזמ.

ניט קיינ וווּנדער אלזאָ, אז גראָד די קליינבירגערלעכע ייִדישע קריטיק מיט ניגערנ אינ דער שפיצ, האָט טעוויענ א הויב געטאָנ איבער שאָלעמ־אליכעמס אלע געשטאלטנ אונ ווערק, דערקלערנדיק, אז „טעוויע איז שאָלעמ־אליכעמס שאבעס, בייס מענאכעמ־מענדל איז בלויז דאָס שפיל פונ אינדערוואָכנ", אז דאָס טעוויע־בוכ „איז דאָס אינטימסטע בוכ שאָלעמ־אליכעמס", אז „טעוויע איז „ש'א אינ זײַנ העכסטער אונ איידלסטער מאדרייגע", אז ער איז „די עצמ אידייע פונ איידלסטער מענטשלעכקײַט", אז „אינ טעוויע דעמ מיל־ כיקער האָט ש'א דערגרייכט זײַנ העכסטע מאדרייגע" (ניגער, געקליבענע שריפטנ, III, 118־119), אינדערצײַט ווענ דער בורזשואזער קריטיקער באלמאכשאָוועס איז קיל אונ קאלט געבליבנ צו ביידע געשטאלטנ. פארנ ציִעניסט באלמאכשאָוועס זײַנענ סײַ מענאכעמ מענדל, סײַ טעוויע ביידע גאָלעס־פראָדוקטנ, די צוויי זײַטנ פונ דער גאָלעס־געשטאלט, איר פארגאנגענהײַט (טעוויע) אונ איר געגנוואַרט (מענאכעמ־מענדל). „די טעוויעס לעבנ מיט א טויטער פארגאנגענהײַט, די מענאכעמ־מענדלס—ווי די ווערימ, וואָס לעבנ מיט דער

רגנע", אונ דער אויספיר איז מעמײלע א נעגאטיװער: „אויב די יידישע מאסע באשטײט פונ מענאכעם־מענדלענ אונ טעװיענ דעם מילכיקער—טאָ אפ װאָס קאָנענ מיר שױנ האָפנ?" (באלמאכשאָװעס, שריפטנ, I 103—104)..

באלמאכשאָװעס אונ ניגער גײענ זיכ אזױארומ פאנאנדער אינ דער אָפשאצונג פונ טעװיענ. פאר באלמאכשאָװעסנ איז טעװיע בלױז א שטיק פארגאנגענהײט, אנ אױסנאם, א טיפּיקאַלע שטיק עטנאָגראפיע, בעשאס ניגער װיל טעװיענ דערהױבנ אינ א מעטאפיזישע, אוניװערסאלע, איבערקלאסעװע, אלמענטשלעכע אונ שיר ניט איבער־מענטשלעכע גרױס. אינ דער אָפשאצונג פונ מענאכעם־מענדלענ זײַנענ אָבער בײדע קריטיקער אינ גרונט אײַנשטימיק, אונ ניגער האָט װינציק װאָס צוצוגעבנ צו באלמאכשאָחעסעס אנאליז פונ מענאכעם־מענדלענ. װעגנ באלמאכשאָװעסעס אָפשאצונג פונ מענאכעם־מענדלענ שרײַבט ניגער, אז „ס'איז א קװאל, פונ װעלכנ עס מוז שעפנ װילנדיק ניט װילנדיק יעדערער, װאָס פרוּװט געבנ א פולשטענדיק בילד פונ שאָלעמ־אלײכעמס שאפנ (ז. 90), אונ אז „באלמאכשאָװעס האָט זײער גוט פארשטאנענ מענאכעם־מענדלענ, אָבער פאר טעװיעס אינעװײניקסטנ לעבנ איז ער געבליבנ שטײנ אזױװי אומבאהאָלפנ" (ז. 119). בײדע קריטיקער האָבנ ארײַנגעקוקט אינ מענאכעם־מענדלס פּאָנעמ אונ זיכ אָפּגעשאָקלט מיט שױדער. װי קאליבאנ, װענ ער דערזעט אינ װאסער זײַנ צורע, װערט דער קלײנבירגער אופגעציטערט, װענ ער דערזעט אינ מענאכעם־מענדלענ זיכ אלײנ. דער בורזשוא קוקט אפ מענאכעם־מענדלענ פונ אױבנ אראָפּ, מיט פאראכטונג אונ װידערװילנ, אונ טיפ אינ הארצנ איז ער כױשעד, אז ס'איז א סאטירע ניט נאָר אפנ קלײנבירגער, װאָס רײַסט זיכ צו דער בורזשואזיע, נאָר אױכ א סאטירע אפנ בורזשואזנ עלעמענט אינעמ קלײנבירגער, אונ מעמײלע אפ דער גאנצער בורזשואזער אָרדענונג.

אינ טעװיענ האָט שאָלעמ־אלײכעמ דעמ קלײנבירגער גלאָריפיצירט, געזונגענ די גלאָריע דער קלײנבירגערלעכער באגרענעצטקײַט אונ זי פאָרגעשטעלט װי אנ אידעאל. אינ מענאכעמ־מענדלענ האָט שאָלעמ־אלײכעמ דעמ קלײנבירגער דעמאסקירט. דער דאָזיקער װידערשפּרוכ—גלאָריפיצירנ אונ גלײַכצײַטיק דעמאסקירנ דעמ אײגענעמ שיכט—גײט אדורכ דורכ שאָלעמ־אלײכעמס גאנצנ שאפנ אונ פליסט ארױס פונ דעמ עצעמ װעזנ פונעמ קלײנבירגערטומ. אָבער אינ קײנ שומ װערק שאָלעמ־אלײכעמס איז די דאָזיקע דעמאסקירונג ניט געגאנגענ אזױ קאָנסעקװענט ביזנ סאָפ, געבנדיק מעמײלע דעמ סאמע מעגלעכנ בא שאָלעמ־אלײכעמענ גראד פונ אָביעקטיװער דערקענטעניש, פונ אידײיש־קינסטלערישע װאָרהאפטיקײַט. אָט פארװאָס מענאכעמ־מענדל איז שאָלעמ־אלײכעמס גרעסטע מײַסטער־װערק, אײנס פונ די גרעסטע װערק אינ דער װעלט־ליטעראטור פונ בורזשואזנ קריטישנ רעאליזמ, אָט פארװאָס מענאכעמ־מענדל, אונ ניט טעװיע, איז די קרוינ פונ שאָלעמ־אלײכעמס שאפנ.

2

פאר שאָלעמ־אלײכעמס שרײַב־מאניר איז כאראקטעריסטיש א באשטימטער עמפיריזמ. דאָס מענאכעמ־מענדל־װערק איז ניט געקומענ װי א רעאליזאציע פונ א פעסטנ, פאָרױס פארפאסטנ פּלאנ—עס איז אופגעקומענ סטיכײיש, אונ שרײַבנדיק די ערשטע סעריע „לאָנדאָנ" אינ יאָר 1892, האָט נאָכ שאָלעמ־אלײכעמ ניט כױשעד געװענ, אז ס'װעלנ קומענ

נאָך ווײַטערדיקע סעריעס, אז נאָך גאנצע 21 יאָר ביז 1913, וועט ער נאָכפאָלגן זײַן העלד. און אויך די געשטאלט פון מענאכעם-מענדלען האָט זיך ניט מיטאמאָל אנטפלעקט פאר שאָלעם-אלייכעמען אין איר גאנצער גרויס. אין „לאָנדאָן", און ביפראט אין דער קאָמעדיע „יאקנעהאָז", געשריבן צוויי יאָר שפעטער (1894), ווו מענאכעם-מענדל דערשײַנט ווי אן עפּיזאָדישע פיגור, איז דער טראָפּ נאָך געשטעלט ניט אף דאָס טיפּישע אין מענאכעם-מענדלען, נאָר אפן אויסערלעך-לעכערלעכן, אף מענאכעם-מענדלען דעם פּראָווינציאל, און אין „יאקנעהאָז" איז ער סטאם א טיפּעש, א לעקישעוואטע פיגור. שאָלעם-אלייכעם אונטערשטרײַכט נאָך זײַן טיפּשעס מיט א „דאָסיקײַט"—אויסדרוק, וואָס שלעפּט זיך נאָך קימאט אין יעדן זאצ: „מע קאָן מיך, כאסוועשאָלעם, דערקענען, אז כ'בין א דאָס, א ייִד מײַנ איך..." „איך האָב א שטיקל דאָס... א שעם אף דער וועלט האָב איך..." „הײַנט האנדל איך מיט דאָס... וויאזוי הייסט עס... מיט יאקנעהאָז"

סאָף 1909 האָט שאָלעם-אלייכעם אָפּגעקליבן און איבערגעארבעט די וויכטיקסטע סעריעס פון מענאכעם-מענדלען, און אזוי ארום איז אנטשטאנען דער קאנאָנישער נוסח פון ווערק (דערשינען 1910). דאן אויך האָט שאָלעם-אלייכעם פארפאסט די באריִמטע האלב-הומאָריסטישע, האלב-טרויעריקע האקדאָמע צום בוך, און מענאכעם-מענדל באקומט שוין דאָ אסאך א ברייטערע אויסטײַטשונג. ער איז לויט שאָלעם-אלייכעמען דער סימבאָל פון „ייִדישע געשעפטן". „ייִדישע גליקן"—אן אויסטײַטשונג, ווו ס'פילט זיך, אגעוו, די נאצדעמאָקראטישע טעאָריע פון דער אָנבורזשואזקײַט פון דער ייִדישער נאציע, פון „קאָל ייִסראָל אײַנ קאבצנ". „ייִדישע געשעפטנ—שרײַבט שאָלעם-אלייכעם—זײַנען, באָרעכ-האשעם, אומעטום אלציינס, ד. ה. הויבנ זיי זיך אָן, דאכט זיך גאנצ נישקאַשעדיק, מיט אזויפיל ביטאָכנ און גלענצנדיקע האָפענונגען, און אויסלאָזנ לאָזנ זיי זיך אויס צומיינסטנס מיט שלים-שלימאזל, ווי בא מײַנ מענאכעם-מענדלען... און טאָמער וועט זיך געפינען איינער פון טויזנט, וואָס די געשעפטנ זײַנע גייען אים דערווײַל גוט, קאָן ער זיכער זײַן, אז ס'איז ניט אף לאנג. אלצ וואָס איז געבויט אף לופט און אף ווינט, מוז סאָפקאָלסאָף פאלן. שטארק אָנגעלייגט איז דאָס ניט, דערפאר איז דאָס אָבער עמעס, און דעם עמעס האָבן דאָך אלע מענטשן ליב..." מענאכעם-מענדלען און מענאכעם-מענדעליזם באטראכט אלזאָ שאָלעם-אלייכעם בלויז ווי א נאציִאָנאלע אייגנשאפט, בלויז ווי א ייִדישע דערשײַנונג. וויכטיקער איז אָבער שאָלעם-אלייכעמס קלאָרע פארשטענדעניש פון דער פארמישפעטקײַט פון די מענאכעם-מענדלס, פון זייער אומפארמײַדלעכער יערידע אינעם קעסל פונעם קאפּיטאליזם.

דערדאָזיקער ברייטערער קוק אף מענאכעם-מענדלען, ווו שאָלעם-אלייכעמס הויפּטהעלד דערשײַנט שוין ניט בלויז ווי א קאָמישע, נאָר אויך טראגישע פיגור, ברענגט אָבער א באשטימטן מיטגעפיל צו אים, און אפילע א געוויסע אידענטיפיצירונג מיט אים: „מענאכעם-מענדל איז ניט קיינ העלד פון א ראָמאן, און איבערהויפּט ניט קיינ אויסגעקלערטע פיגור. דאָס איז נעבעך א ייִד פון א גאנצ יאָר, מיט וועלכן דער פארפאסער איז פּערזענלעך און נאָענט באקאנט. ער איז דורכגעגאנגען מיט אים א שטיק לעבן פון קימאט צוואנציק יאָר, באגעגנט זיך אינעם יאָר 1892 אף דער אָדעסער קליינער בערזע, האָבן מיר נאָכדעם דורכגעמאכט האנט בא האנט אלע שיווע מעדורע גענעם אין יעהופּעצ אף דער בערזע, „געגאנגען" מיט אים קיין פעטערבורג און קיין ווארשע, אויסגעשטאנען אסאך קריזיסן, זיך געוואָרפן מיט אים פון איין פּארנאָסע אף דער אנדערער און—אויוויי,—נישט געפונען קיינ גליק אינערגעצ..." פאראנ בריוו פון שאָלעם-אלייכעמען, ווו ער שרײַבט זיך אונטער

„מענאַכעם-מענדל פונ יעהופּעצ" (אשטייגער אינעם שאָלעם-אַלייכעם-בוכ, ז. 294). אינ א בריוו פונ יאָר 1909 שרײַבט שאָלעם-אַלייכעם: „זאָגט אײַך וואָס איר ווילט; קיינ סאָנים האָב איך ניט, ווײַל איך בינ קיינעם קיינ סוינע ניט, ווײַל טעוויע איז א. באַל-בעטאָכנ אונ זײַנ חײַל מענאַכעם-מענדל גלויבט דער גאַנצער וועלט"... (דאָרט, 227). ווי אינ יעדנ קליינבירגער, האָט אויך אינ שאָלעם-אַלייכעמענ געשטעקט א שטיק מענאַכעם-מענדל. מיר האָבנ דאָ אינזינענ ניט נאָר יענע לאַנגע יאָרנ—זינט 1885 ביז 1899—ווענ שאָלעם-אַלייכעם האָט אַליינ געפירט די מאַטעריעלע עקזיסטענצ פונ א מענאַכעם-מענדל, געשוועבט אינ הורהא פונ געשעפטנ, געהאַנדלט אונ געמעקלט, געווענ א פאַרזיכערונג-אַגענט אונ געדרייט זיך אַרומ די בראָדסקיס, „זיך געוואָרפנ אַפ אַלע זײַטנ, אויסגעשרויפט אַלערליי געשעפטנ אונ טועכצנ... גאַנצע טעג אינ גייִעג נאָכנ קערטל, אונ באַנאַכט האָבנ כעזשבוינעס, חעקסלענ, פּאָוויעסטקעס אונ איספּאָלניטעלנע ליסטנ ניט געלאָזט שלאָפנ"... דער מענאַכעם-מענדל האָט געלעבט אינ שאָלעם-אַלייכעמענ אויך יאָרנ שפּעטער, ווענ ער האָט, אַשטייגער, געהאָפט אויפגעריכט צו ווערנ דורכנ בורזשואַזנ יידישנ טעאַטער אינ אַמעריקע, אָדער ווענ ער האָט מיט ליכט געזוכט א מעצענאַט („מעצענאַטנ—דאָס איז בא אימ געווענ א מינ פיקס-אידיי"—שרײַבט שאָלעם-אַלייכעמס איידעם בערקאָוויטש, שאָלעם-אַלייכעם-בוכ, 286), אויסגעקוקט אַפ די בראָדסקעס אָדער אַפנ באַקוער מיליאָנער שרידראָ. מענאַכעם-מענדל איז אַזוי אַרומ א פּראָדוקט פונ שאָלעם-אַלייכעמס סאָציאַלער דערפאַרונג, פונ זײַנ גאַנצער לעבנ-פּראַקטיק, א געשטאַלט, וועלכע ער האָט געקאָנט אויסגעבונדנ, וועלכער ער האָט חײַס ניט געדאַרפט ערשט זוכנ, וואָרעם ער האָט זי אינ א באַשטימטער מאָס געטראָגנ אינ זיך גופע. אָבער בלויז אינ א באַשטימטער מאָס, וואָרעם די מענאַכעם-מענדל-געשטאַלט ווערט מעגלעכ ערשט אינעם צושטאַנד פונ אויסניכטערונג, ערשט דערהויבנדיק זיך איבער איר, אונ אײַנזעענדיק איר גאַנצנ טראַגי-קאָמיזם, איר אײַנצײַטיקע לעכערלעכקײַט אונ פאַרבישפעטקײַט. שילדערנדיק טעוויענ, דערהויבט זיך ניט שאָלעם-אַלייכעם אינ סאַכ, איבער דער דאָזיקער געשטאַלט, כאָטש ער לאַכט זי אויס דאָ אונ דאָרט, פאַרקערט, ער ווערט פאַרוואַנדלט אינ דעם א י ד ע אָ ל אָ ג פונ די טעוויעס, זײַנ געדאַנק גייט ניט אַרויס איבער די גרענעצנ פונ דער לעבנס-סוויווע פונ די טעוויעס, שלעפּט זיך נאָכ נאָכנ פ א ר ו ר ט ײ ל פונעם קליינבירגער, בעשאַס די מענאַכעם-מענדל-סאַטירע שפּיגלט אָפּ די ניכטערע מאָמענטנ פונעם קליינבירגער, זײַנ א ו ר ט ײ ל. עס איז עפּשער גאָר קיינ צופאַל ניט, וואָס מענאַכעם-מענדלענ האָט שאָלעם-אַלייכעם גענומענ שרײַבנ גראָד אינ יענעם פּעריאָד, ווענ ס'איז געקומענ זײַנ מאַטעריעלער קראַכ, ווענ ער האָט פאַרלאָרנ זײַנ גרויסנ פאַרמעגנ, באַנקראָטירט אונ רויִנירט געוואָרנ (1890—1892). ער איז דעמאָלט געווענ אַזוי נידערגעשלאָגנ,—אַז ער האָט אַפילע געטראַכט וועגנ זעלבסטמאָרד. אינ א בריוו צו ראַווניצקינ (צום אָנדעק פונ שאָלעם-אַלייכעם, ז. 55) שרײַבט דאַנ שאָלעם-אַלייכעם: „דײַנ פרײַנט שאָלעם-אַלייכעם לעבט נאָכ, נאָר זײַנ לעבנ איז ניט קיינ לעבנ; ווענ ניט מײַנ ליבע צו מײַנ פרוי אונ מײַנע קינדער, וואָלט איך שוינ לאַנג געמאַכט א סאָפ צו מײַנ לעבנ..." די דאָזיקע פערזענלעכע דערפאַרונג פונ שאָלעם-אַלייכעמענ האָט אָבער אַנטשפּראָכנ דער ווירקלעכקײַט פונ א גאַנצנ קלאַס, פונעם יידישנ קליינבירגערטום אינ רוסלאַנד סאָפ 19-טנ יאָרהונדערט, אינ קלעם פונ גרויסע פעאָדאַלע רעשטנ, אונטערנ פּרעס פונ דער צאַרישער שאָוויניסטישער אונ אַכזאָריעסדיק-ביוראָקראַטישער מעלוכע-מאַשינ אונ אונטער די גרויזאַמע קלעפּ פונעם שטורמיש-אויפבליִענדיקנ רוסלענדישנ קאַפּיטאַליזם.

„לאָנדאָן“, די ערשטע סעריע פונעם מענאַכעם־מענדלען, האָט אויך באַדײַט א נײַעם
עטאַפּ אין שאָלעם־אַלייכעמס שאַפן. געפינענדיק מענאַכעם־מענדלען, האָט שאָלעם־אַלייכעם
אויך געפונען די אייגנטלעכע סטיכיע פונ זײַן טאַלאַנט, ער האָט געפונען זײַן טיפּאַזש,
זײַן אייגנטלעכן זשאַנר און זײַן אייגנאַרטיקע פאָרם פונ קינסטלערישער טראַקטירונג. „לאָנ־
דאָנ“ האָט דאָקומענטירט, אז ס'האָט זיך געענדיקט דער יוגנט־פּעריאָד פונ שאָלעם־אַליי־
כעמס שאַפן, א פּעריאָד, וואָס האָט געדויערט קנאַפּע צען יאָר, זינט שאָלעם־אַלייכעמס
ערשטער דערציילונג „צוויי שטיינער“ (1883).

אָטאָ דער ערשטער פּעריאָד פונ שאָלעם־אַלייכעמס שאַפן איז געווען א פּעריאָד פונ
אידעאָלאָגישן און קינסטלערישן נעפּל, א פּעריאָד פונ אידייִש־קינסטלערישער אומקלאָר־
קײַט, זוכענישן און בלאָנדזשענישן. שאָלעם־אַלייכעם איז דאַן אַפילע נאָך ניט גאַנץ זי־
כער מיט דער שפּראַך פונ זײַן שאַפן: ער שרײַבט ייִדיש, העברייִש און רוסיש; ער
זוכט נאָך דעם זשאַנר, און שרײַבט לידער, דערציילונגען, פעליעטאָנען, ראָמאַנען, פּיע־
סעס, און אַפילע די קעמוי־וויסנשאַפטלעכע בקירע „צי דאַרף מען וויקלען קינדער?“ זײַנ
אידייען־באַגאַזש אין אָט דעם פּעריאָד איז א נאַיִווער און אָפט ניט קלוגער געקעכץ פונ
קליינבירגערלעכער מאַסקילישקײַט פונ דעם שניט פונ מענדעלען און לינעצקען,—מיט כי־
בעס־ציען. אין די „וויבאָרעס“ (1883), אין די „איבערגעכאַפּטע בריוו“ (1884—1883) האָט
שאָלעם־אַלייכעם פאָרגעזעצט די דעמאָקראַטיש־מאַסקילישע טראַדיציעס פונ קאַמף מיטנ
קאָהאָל, טאַקסע און צאַדיק, און מער ווי אַלץ פילט זיך דאָ לינעצקיס ווירקונג. איינציי־
טיק אָבער קומט די „איבערשרײַבונג צווישן צוויי אַלטע כאַקראָנים שאָלעם־אַלייכעמען און
שלעז דעם בריוול־שרײַבער (1884) מיטן גרונט־געדאַנק, אז די איינציקע רעטונג איז נאָר
„אונדזער שטיקל „באַסקאָווסטינע“—דאָס הייליקע לאַנד“. מענדעלעס האַשפּאָע פילט זיך
אין די נאָכמאַכונגען פונ „מאַסאָעס“, אין דער דאָנקיכאָטישער דערציילונג אין רוסיש
„טרוימער“ („Мечтатели“, 1884), (אגעוו, נאָך 11 יאָר שפּעטער פאַרפאַסט שאָלעם־אַליי־
כעם א דאָנקיכאָטיאַדע אין העברייִש, געדרוקט אין „פּאַרדעס“ 1895—„דאָן קישאָט מימאַ־
זעפּעווקע“). קימאַט גלײַכצײַטיק מיט דער ראַדיקאַל־קליינבירגערלעכער, גאַליקער קריטיק
פונ די ייִדישע „קיט־קיטישעס“ אין „סענדער־בלאַנק“ (1888), וואָס דאַרף לויט שאָלעם־
אַלייכעמען זײַן דער אָנהויב פונ א סעריע ראָמאַנען אין סטיל פונ זאָליאַס „רוגאָן־מאַקאַר“,
פאַרפאַסט שאָלעם־אַלייכעם די נאַציאָנאַליסטישע „ייִדישע ראָמאַנען“—„סטעמפּעניו“ און
„יאָסעלע סאָלאָוויי“. די צוויי גרונט־טענדענצן פונ שאָלעם־אַלייכעמס שאַפן — קריטיק פונ
דער בורזשואַזיע און פונ דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג און דער ראָמאַנטישער אָפּקער
פונ איר—זײַנען שוין אָנגעצייכנט אין אָט דעם ערשטן פּעריאָד, אָבער נאָך ווייניק דורכ־
געטראַכט, שטאַרק כאַאָטיש, ניט דורכגעקאָנטראָלירט דורכ דער לעבנ־דערפאַרונג און מע־
ניילע שטאַרק ביכלדיק, ליטעראַריש. זײַן אייגנטלעכן באַרוף ווי א הומאָריסט און ווי א
א סאַטיריקער באַנעמט נאָך ניט שאָלעם־אַלייכעם, און אין די ערשטע יאָרן פאַרזיכערט ער
אַפילע אין סטיל פונ די דעמלטיקע רעאַקציע־ און דערשלאָגנקײַט־יאָרן, אז ער איז גע־
קומען קלאָגן, אז „אָפּ לאַכן איז ער קיינמאָל ניט אויפגעלייגט, ער דאַרף נאָר וויינען,
אימער קלאָגן זיך און טאָמער זאָרגן און זאָרגן“ (1884), און נאָך אין יאָר 1888 דרוקט
שאָלעם־אַלייכעם ווי א פּראָגראַם־דעקלאַראַציע פונ זײַן „ייִדישער פאָלקס־ביבליאָטעק“ דעם
אַרטיקל פונ דר. קאַמינער, ווו דערדאָזיקער געוועזענער פאָלקיסט וואָרנט פונ „אײַזיקאַל־

ער־קריטיק... פון לייצאָנעס־מאָראָזשענע איבער א ייִדישער זאַך, פון זויערער סאטירע־ שאָלעם־אלייכעם האלט נאטירלעך ניט אויס, און מיר האָבן שוין אין אָט דעם יוגנט־פעריאָד די ערשטע מוסטערן פון שאָלעם־אלייכעמס סאטירע (אשטייגער, אין „סענדער בלאנק“); פון שאָלעם־אלייכעמס הומאָר. די ערשטע הומאָריסטישע זאַך שאָלעם־אלייכעמס איז, שייַנט מיר, דאָס „קאָנטאָר־געשעפט“, א דראַמע אין צוויי מעליצע־בריוו, אכצן האנדל־בריוולעך אין 20 דעפעשן“, 1885 וווּ צום ערשטן מאָל טאָפט אָן שאָלעם־אלייכעם די מענאכעם־מענדל־טעמע, געבנדיק א געשיכטע פון צוויי מאסקילים שימען ברען און רוּוון שנעל, וואָס דרייען זיך אָן א טאָלק אין פארשיידענע געשעפטן, ווערן באַרויבט פון די ספעקוליאנטן שטערנהאָרן, פעמפיק, פייַפערמאן, גענדזנשמאלץ, און דאָ, אגעוו, באַווייַזט זיך צום ערשטן מאָל שיינע־שיינדל אין דער געשטאַלט פון עסטער ליִנשע, די פרוי פונעם עקספעדיטאָר לייווי שפיגלמאן.—דאָס זייַנען נאָך אָבער אלץ איינצלנע עפיזאָדן, אייַנצלנע בליצן־אָנזאָגן פון שאָלעם־אלייכעמס שפעטערדיקן הומאָר, דערווייַל האלט ער נאָך ניט דערבייַ, און זייַן סטיל איז נאָך אלץ שטארק צעקראָכן, פלאָפלענדיק־באַרייִדעוודיק און אָן א כאָס סענטימענטאל. עס זאָגט בלויז איידעס אַפּ מאָלעקוליארע פּראָצעסן, אַפּ קריסטאַליזאַציע־פּראָצעסן, וואָס זייַנען אָנגעגאנגען בא שאָלעם אלייכעמען, ביז ס'איז פאָרגעקומען דער קוואַליטאַטיווער שפּרונג—און שאָלעם־אלייכעם איז אין „לאָנדאָן“ דערשינען ווי א רייַפער זעלבסטשטענדיקער מייַסטער, א שרייַבער מיט א אייגענער טעמאַטישער אידיי, מיט אייגענעם סיפּאוש און אייגענע סטיל־מיטלען.

## 4

טעוויען האָט שאָלעם־אלייכעם כאראקטעריזירט ווי א „פּראָסטן, נאָר גאַנצן, ניט באַריטן ייִדן“ (שאָלעם־אלייכעם־בוך, 150). ניט באַרירט באַדייַט—ניט באַרירט פון די צוגעווייַנטן פונעם קאַפּיטאַליזם. דער קאַפּיטאַליזם רייַסט פאָרויס, אויפרייַסנדיק דעם אלטן לעבנשטייגער, כאָרעוו מאַכנדיק די קאַסרילעוועקעס, און ארויסטרייַבנדיק פון זיי די מענאַכעם־מענדלס. ערגעץ גייען אָן גרויסע וועלט־היסטאָרישע שטורעמס, די פעפערלס גייען אין קביר, עס פינען און לויפן ארום פארסארפּעס אין די גרויסע שטעט די מענאַכעם־מענדלס, עס רייַסט אָן, ברעכט אויס און גייט אָפּ מיט בלוט די ערשטע גרויסע רוסלענדישע רעוואָלוציע, עס צעהוליעט זיך די רעאקציע—טעוויעס שטיבל שטייט ווי אָן א זייַט פון די אלע פּראָצעסן. די כוואַליעס פון דער צייַט דערקייַקלען זיך דאָ מיט אָפּגעטעמפּטן עכאָ, פארכאַפּן אויך טעוויעס טעכטער—טעוויע אליין בלייַבט שטיין ווי א פעלז, „ניט באַריטן“, פארזונקען אין זייַן סטאַטישער, פּאַטריאַרכאַלער, מעטאַפיזישער עקזיסטענץ. די מענאַכעם־מענדל־סאַטירע וואַקסט אויס אַפּן באָדן פונעם אומגלויבן אין די ישועות און גליקן פונעם קאַפּיטאַליזם; אָבער אויב דער קלייַנבירגערלעכער אידעאָלאָג דערגייט ניט אין זייַן קריטיק פונעם קאַפּיטאַליזם צו דער אָריענטאַציע אַפּן פּראָלעטאריאַט, אַפּן סאָציאַליזם, נעמט אָן זייַן אָפּקער פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירקלעכקייַט אַן אוטאָפּישן כאַראַקטער, און עפּעס פאר אלץ נעמט ער אידעאַליזירן די פאָר־קאַפּיטאַליסטישע פּאַטריאַרכאַלישקייַט, אַנטלויפט אין דער אויסטראַכטעניש פון אַן אידעאַליזירטער, מעטאַפיזיש־סטאַטישער רויִקער וועלט. אזוי אַנטשטייט בא שאָלעם־אלייכעמען גלייַכצייַטיק מיט דער קריטיק פון מענאַכעם־מענדלען די אידעאַליזירטע פּאַטריאַרכאַלישע טעוויע־פיגור. זייער באַלערעוודיק איז אין אָט דער הינזיכט די עוואָלוציע פון ראָמען ראָלאַן: אין

זײַנ לעצטנ ראָמאנ „די פארקישעפטע נעשאָמע״ פירט׳ער צו זײַנע העלדנ ביז צו די אידײענ פונ דער פראָלעטארישער רעװאָליוציע. אינעם פעריאָד פונ „זשאַנ־קריסטאָף״, װענ ראָלאנ האָט נאָכ ניט געגלױבט אינעם סאָציאַליזמ אונ אינ די פערספעקטיװנ פונ פראָלעטארישנ קלאסנ־קאמפ, איז גלײַכ נאָכ דער שארפער, פארניכטנדיקער קריטיק פונ דער קאפיטאליסטישער קולטור אינעם „יארידּ״ (V באנד „זשאנ קריסטאָפ אינ פאריז״) געקומענ „קאָלא־ברעניאָנ״ (געשריבנ 1914). (אָט דאָס, כ׳װאָלט געזאָגט, טעװיע־בוכ פונעם גרױסנ פראנצױזישנ שרײַבער), א בוכ אױכ װעגנ אנ אָפּטימיסטישנ האָרעפּאשניק, אױכ א פילאָסאָפ, אפ װעלכנ ס׳שיטנ זיכ איעװס צאָרעס, אונ װאָס בלײַבט דאָכ ניט גערירט אונ ניט געװאקלט—אגעװ דאָס אײנציקע װערק, װו ראָמענ ראָלאנ דערשײַנט װי א הומאָריסט.

טעװיע איז פאטריאַרכאליש, אונ ניט װײַל ס׳איז א מענטש פונ עלטערנ דאָר, פונ א פארגאנגענער פאטריאַרכאלישער עפּאָכע,—װאָרעמ אױכ די פארגאנגענע עפּאָכע איז ניט געװענ „גאנצ אונ ניט באַרירט״, אױכ אבראמאָװיטשעס מענדעלע איז א פאָרשטײער פונ עלטערנ דאָר, אונ ער איז פאָרט ניט טעװיע; טעװיע קערט זיכ אָפּ פונ דער װירקלעכקײַט, בײַס אבראמאָװיטשעס מענדעלע איז שױנ געװענדעט מיטנ פּאָנעמ צו דער אָנקומענדיקער נײַער צײַט, װי זײַנ אױטער שטײט ער אפ דער גרענעצ פונ צװײ עפּאָכעס, פונ פעאָדאליזמ אונ קאפיטאליזמ. זײַנ בליק איז אָבער מיט אינטערעס אונ נײַגער געװענדעט צו דער אָנקומענדיקער נײַער אָרדענונג, אונ זײַנ אױער כאפּט אופ אירע אָנקומענדיקע שריט. דאָס אלטע אונ דאָס נײַע ראנגלענ זיכ סײַ בא טעװיענ, סײַ בא מענדעלענ, מענדעלע אָבער האָפט אפ דאָס נײַע אונ שעפּט דערפונ קױעכ צו ראנגלענ זיכ מיטנ אלטנ, בעשאס טעװיענ שװידערט אָפּ די נײַע קאפיטאליסטישע עפּאָכע, אונ ער קערט זיכ אָפּ צומ אלטנ, גליװערט אינ אימ. טעװיע איז פאטריאַרכאליש, װײַל שאָלעמ־אַלײכעמ האָט אימ פאטריאַרכאליזירט, אונ װי ס׳װילט זיכ ניט טעװיענ—דער סאָפ איז, אז „טעװיע פאָרט קײנ ערעצ ייִסראָעל״. דאָס קלױמערשט פאטריאַרכאלישע אונ קלױמערשט ייִדיש לאנד דארפ זײַנ די רעטונג פונ די קלעפּ פונעם קאפיטאליזמ. טעװיענ **פארשיקט** שאָלעמ־אַלײכעמ אינ **פּאַלעסטינע**, מענאכעמ־מענדל פאָרט אָבער פרײַװיליק, אונ דאפקע אינ **אמעריקע**.

אָט איז נאָכ א גרונט־אונטערשײד פונ בײדע פיגורנ: מענאכעמ־מענדל איז א פּראָדוקט פונ דער עפּאָכע פונ קאפיטאליזמ, ער װערט מעגלעכ ערשט זינט דעמ ברױזנדיקנ אופשטײַג פונעם קאפיטאליזמ, ער דריקט אױס „די פארבלענדונג פונעם קלײנבירגער מיטנ גלאנצ פונ דער גרױס־בורזשואזיע״ (מארקס), יענע אלע האָפענונגענ, װאָס דער קלײנבירגער פארבינדט מיטנ קאפיטאליזמ, די איליוזיעס פונעם קלײנבירגער, אז ס׳װעט אימ געלינגענ זיכ ארופכאפּנ אפנ רײַטנדיקנ װאָגנ פונעם קאפיטאליזמ, ארופקלעטערנ אפנ סאָציאַלנ לײטער פונ דער בורזשואזער אָרדענונג. מענאכעמ־מענדעליזמ איז יענע זעלבסט־אָפּנארערײַ פונעם קלײנבירגערטומ, װאָס באדײַט דאָס אָפּנארנ פונ די מאסנ דורכ דער בורזשואזיע.[1] אָנ דעמ הרהא פונעם קאפיטאליזמ אינ זײַנ בלי־צײַט װאָלט ניט מעגלעכ געװענ דער אימפּעט, די ענערגיע, די פארשיקערטקײַט אונ דער צײַטװײַליקער אָפּטימיזמ פונ דער מענאכעמ־מענדל־געשטאלט, װאָלט די גאנצע געשטאלט ניט מעגלעכ געװענ. דער מענאכעמ־מענדליזמ הױבט זיכ אונ פאלט גענױ לױט דער ריטמיק פונ די קאפיטאליסטישע ציקלענ, ער שטײַגט אונ װערט באמ קלײנבירגערטומ א מאסנ־פּסיכאָז אינ יאָרנ פונ קאפיטאליסטישנ אופשטײַג, קא־

1) Мелкобуржуазный самообман—или, что то же, обман масс („большинства") буржуазией" לענינ, באנר 21, ז. 53

ציאליסטישער פראָספעריטי, ספעקולאציע-קאָניונקטור, ער פאלט און ווערט געמישט מיט
טימונגענ פונ געדריקטקייט און אויסניכטערונג אינ קריזיס און בארגאראָפּ-צייַטנ, וואָס
רקלאנגענ די ערשטע קלעפּ טאקע צו די שוואכסטע רינגענ, צו די קליינבירגערלעכע צווישנ-
טלעכ.

דערפונ ווערט אָבער קלאָר, אז די ייִדישע ליטעראטור ביז די 60-קער יאָרנ, אז די
מאסקילישע ליטעראטור האָט בעמשומויפנ ניט געקאָנט שאפנ די מענאכעמ-מענדל-גע-
שטאלט, זי האָט געקאָנט פארצייכענענ און האָט פארצייכנט טיפּנ פונ ייִדישע לופט-
מענטשנ, אפ וויפל דער לופט-מענטש—דער קליינבירגער אָנ א באשטימטער באשעפטיקונג,
דער סוחר'ל, מעקלער'ל, פאקטער'ל, שאדכנ איז געווענ א טיפּישע, מאסנארטיקע און ביז
גאָר כאראקטעריסטישע פיגור אינ לעבנ פונ ייִדנ סיי אינ דער עפּאָכע פונ צעפאלנדיקנ,
פארגייענדיקנ פעאָדאליזמ, סיי אינ דער שפּעטערדיקער פאנאנדערגעוויקלטער קאפּיטאליסטי-
שער געזעלשאפט. [דער לופט-מענטש ווערט סקיצירט שוינ בא די ערשטע מאסקילישע
שרייַבער (אשטייגער, בא אקסנפעלדנ כאיִמ פלוט, בא עטינגערנ רעב זונדל פונעמ „פע-
טער פונ אמעריקע"). ער פיגורירט בא מענדעלענ און בא גאָלדפאדענענ (אשטייגער
האנטמאכ).] ער איז פאראנענ שוינ בא הייַנענ אינ דער פּרעכטיקער געשטאלט פונ הירש
דאַנס, דעמ „לאָטעריי-קאָלעקטער, אָפּעראטער און טאקסאטער" (די בעדער פונ לוקא), א גע-
שטאלט, וואָס פארמאָגט עמבריאָנעל שטריכנ סיי פונ טעוויענ, סיי פונ מענאכעמ-מענדלענ.
דער קריטיק האָט זיכ גלייַכ געוואָרפנ אינ די אויגנ, אז א מינ פאָרגייער פונ מענאכעמ-
מענדלענ איז אבראמאָוויטשעס אלטער יאקנעהאָז („פישקע דער קרומער"), און אז נאָכ
איידער שאָלעמ-אליייכעמס מענאכעמ-מענדל האָט צונויפגעפאָרעט צוויי מיידלעכ, האָט עס
אבראמאָוויטשעס אלטער געטאָנ מיט צוויי באָכערימ. און אויב מענדעלע און אלטער בייַטנ
... אינ אוארט מיט פארלעגערטע טכינעס און אויכ דאָס איז א „געשעפט", געפינענ מיר
דעמ דאָזיקנ מאָטיוו אויכ בא מענאכעמ-מענדלענ: „מיר האָבנ געמאכט א געשעפט, הייַנע
... האָבנ געביטנ אימעניעס אפ אימעניעס, דאָס הייסט מיר האָבנ זיי געגעבנ „אָפּיסנ"
... אינדזערע אימעניעס, און זיי האָבנ אונדז געגעבנ „אָפּיסנ" פונ זייערע אימעניעס". דאָס
אלץ, די דאָזיקע אלע ענלעכקייַטנ און קרוווּעשאפטנ זייַנענ ריכטיק און וויכטיק, און אָנ
... איז מענאכעמ-מענדל ניט נאָר, ווי שאָלעמ-אליייכעמ דערציילט אונדז, טעוויעס
... שוועסטער-קינד, נאָר אויכ אלטערס א זונ, א פאָרזעצונג פונ יענע אמאָליקע ייִדישע
לופט-מענטשנ, אפ וועלכע עס זייַנענ אופמערקזאמ געוואָרנ אפילע באלזאק בעשאס זייַנ
... איז אוקראיִנע דורכ בערדיטשעוו צו די גיטער פונ מאדאמ האנסקא, און אויכ טאראס
שעווטשענקאָ (פארגלייַכ די פיגור פונ א ייִדישנ מעקלער אינ זייַנ גרויסער דערציילונג
„א שפאציר מיט פארגעניגנ און ניט אָנ מאָראל"). דאָס אלץ איז ריכטיק און וויכטיק,
אָבער נאָכ ריכטיקער און וויכטיקער איז יענער קארדינאלער אונטערשייד, וואָס איז פאראנ
צווישנ אלטער יאקנעהאָזנ און מענאכעמ-מענדלענ. [אבראמאָוויטשעס אלטער יאקנעהאָז איז
א פיגור פונ דער אָפּגייענדיקער פעאָדאלער וועלט, מענאכעמ-מענדל איז מעגלעכ און פאר-
שטענדלעכ בלויז אינ קאָנטעקסט פונ דער פאנאנדערגעוויקלטער קאפּיטאליסטישער געזעל-
שאפט. אלטער זוכט בלויז פארנאָסע, א פארדינסטל, א שטיקל ברויט, און זייַנ סאָציִאלע
אויפפירונג איז גיכער געבויט אפ דער לעבנ-„פילאָסאָפיע" פונ שיינע-שיינדל און איר מאמענ]
„פאָלג מיכ, מענדל, שנייַד אָפּ, פארקויפ אויס, ווי גאָט איז דיר ליב! האָסט פארדינט עט-
לעכע קערבלעכ, גענוג!" אָדער „כאפּ אריַינ די יארמילקע מיט ניס און אנטלויפ", בעשאס
מענאכעמ-מענדלס „פילאָסאָפיע" איז צומ בעסטנ אויסגעדריקט אינ די פארשיקערטע אויס-

ביז צו די
יסטאָפ, וועג
פונ פראָלע-
פונ דער קא-
ז"), געקומענ
פונעמ גרויסנ
אויכ א פילא-
יידנ און ניט
ומאָריס.
נ דאָר, פונ
עפּאָכע אינ
א פאָרשטייער
נ דער ווירק-
צו דער אָנ-
ווי עפּאָכעס
נ נייַער גע-
ופ אירע אָנ-
ייַ בא מענדע-
נלעכ זיכ מיט
ער קערט זיכ
כעמ האָט אינ
יע פאָרמ קאָנ
נד דארפ זייַנ
אליייכעמ אינ
אמעריקע.
פּראָדוקט פונ
פשטייַנ פונעמ
אנצ פונ דער
נר פארבינדט
ענ זיכ ארומ
נ לייטער פונ
פונעמ קליינ-
ע. 1) אָנ דער
ר אימפעט, די
נאכעמ-מענדל-
נדליזמ הויבט
ר שטייַגט אינ
גופשטייַג, קאָ

1) Мелкоб
буржуазией"

געשרייען: זײַ וויסנ, אז איכ קנאק אונ פלי, איכ ברענ, איכ 'שפרינ אינ פײַער, איכ וואקס, איכ וואקס!" דער סטימול איז דאָ ניט בלויז פארנאָסע אונ ניט סטאם דאָס שטיקל ברויט, נאָר די שיקרעס פונ ספעקולירנ, קאָמבינירנ, דאָס זע פאר זיכ „מיליאָנענ מיט מיליאָנענ", דאָס טראָגנ זיכ מיט א פארכאפטנ אָטעם אינעם ווירבל פונ קאפיטאליסטישנ הו־הא. [אינ פארגלײַכ מיטנ „שיקערנ" פאנטאסט מענאכעם־מענדל איז אלטער ניכטער.] אלטער איז פארומערט, מאָרעשכווירעדיק פארביטערט. בעשאס מע נאכעם־מענדל איז אָפטימיסטיש, ענטוזיִאסטיש, אונ אפילע אינ מאָמענטנ פונ גרעסטער נידער־געשלאָגנקײַט ארבעט שוינ אפסנײַ זײַנ קראנקער מויעכ אונ עס קומענ אופ אינ קאָ נײַע קאָמבינאציעס אונ נײַע כאלוימעס.

דער לופט־מענטש, ווי א טיפישע דערשײַנונג פונ ריזיקע יידישע קלײנבירגערלעכע מאסנ אכזאָריעסדיק צונויפגעקוועטש אינעם „טכוּם", איז פארמישפעט אפ ניוועדיקער, פאראזיטישער אונ דאָכ האלב־הונגעריקער עקזיסטענצ, איז אלזאָ דורכ שאָלעם־אלייכעמענ מאָדערניזירט געוואָרנ. אפ אנ אויסשעפנדיקנ אויפנ דערפירט געוואָרנ ביז צו אונדזער צײַט, ביז דער עפאָכע פונ אימפעריאליזם אונ פראָלעטארישע רעוואָליוציעס. די דאָזיקע מאָדערניזירונג, דאָס דורכפיר דעם לופט־מענטש דורכנ קעסל־גרוב פונ קאפיטאליזם, האָט אָבער צוגעגעבנ אָנ א שיר כשיוועס אונ סאָציאלע וואָג דער דאָזיקער געשטאלט. אלטער יאקנעהאָז סומירט סאָפקאָלסאָפ א באַ גרענעצטע סאָציאלע דערשײַנונג. ער איז ווײניקער אקטועל פאר אונדז, ווי מענאכעם מענדל, וואָרעמ ער טראָגט אפ זיכ דעמ שטעמפל פונ דער מער באגרענעצטער אינ פאר גלײַכ מיטנ קאפיטאליזמ פעאָדאלער פאָרמאציע. דער קאפיטאליזמ האָט אינ א באדײַטנדי קער מאָס צעקלאפט די ראָגאטקעס פונ פעאָדאליזם. אונ שאָלעם־אלייכעמס מאָדערניזאצי פונעמ לופט־מענטשנ איז ניט עפעס אנדערש, ווי אנ אָפשפיגלונג פונ דער מאָדערניזאצי פונעמ יידישנ קלײנבירגערטומ, פונ זײַנ באפרײַענ זיכ פונ היפשע עלעמענטנ פונ נאציאָ לער באגרענעצטקײַט (כאָטש היפש איז נאָכ פארבליבנ), מענאכעם־מענדל; אנדערש געוואָ איז מאָדערנער פונ אלטערנ אויכ אינ דעמ זינענ, וואָס ער איז ווײניקער נאציאָנאל־באַ גרענעצט, ער איז מער אוניווערסאל, וואָרום ער איז ניט בלויז א טיפיזירטער פונ יידישנ קלײנבירגערטום, נאָר אויכ אונ פריִער פאר אלצ די טיפיזירונג פונ וועזנטלעכ שטריכנ פונ קלײנבירגערטום ביכלאל אינ דער קאפיטאליסטישער עפאָכע. מענאכעם־מענדל איז די טיפיזירונג פונ א יידישנ לופט־מענטש, פונ יידישע לופט־פארנאָסעס — דאָס איז די נאציאָנאלע פאָרמ פונ מענאכעם־מענדלען. אָבער ניט בלויז דאָס איז מענאכעם מענדל, אונ ניט דאָס איז אפילע דעריקער בא מענאכעם־מענדלען. מענאכעם־מענדעליזם איז א מער אלגעמײנע דערשײַנונג, וואָס איז קאָנקרעטיזירט אינ דער געשטאלט פונעם קלאָגנ דיקנ יעהופעצער סויכערל, מענאכעם־מענדל אונ מענאכעם־מענדעליזם איז שײַעכ ניט נאָר צום יידישנ קלײנבירגערטום, נאָר אויכ צום אמעריקאנער אונ דײַטשישנ, צום פראנצויזיש אונ כינעזישנ. דאָנ קיכאָט, דער ריטער פונ דער טרויעריקער געשטאלט, איז א פאראָרע טער שפאנישער הידאלגאָ, וואָס האָט זיכ אָנגעלײענט מיט ריטערישע ראָמאנענ אונ ארויס געפאָרנ אפ דער וועלט באנײַענ דאָס וואנדערנדיקע ריטערטום; דאָס איז די קאָנקרעט היסטאָרישע נאציאָנאלע פאָרמ פונ דאָנ־קיכאָטנ; אונ דאָכ איז סערוואנטעסעס ווערק אסאכ מער ווי א פאראָדיע אפ ריטער־ראָמאנענ, אונ זײַנ העלד אסאכ מער, ווי א מעשוגע־גע וואָרענער אלטער נאר. דאָנ־קיכאָט איז די טיפיזאציע פונ קלאסנ אונ אידעאָלאָגנ, וואָס ווילנ דרייענ אפ צוריק די ראָד פונ דער געשיכטע, אונ כאפנ צוליב דעמ בײַלנ אונ קלע פונ דער נײַער זיגערישער ווירקלעכקײַט. אזעלכע קלאסנ־אידעאָלאָגנ האבנ עקזיסטירט

ות סערוואנטעסעס עפאָכע, סײַ שפעטער. הונדערט יאָר פארנ „דאָנ־קיכאָט" זײַנענ ארויס
ענ לעצטנ פארצווייפלטנ קאמפ די לעצטע דײַטשישע ריטער אונטער דער אָנפירונג פונ
ראנצ פאָנ־זיקינגענ אונ הוטענ. „זיקינגענ איז אינדערמעסנ איינפאכ א דאָנ־קיכאָט, כאָטש
היסטאָריש בארעכטיקט" (מארקס). דאָנ־קיכאָטיזם האָט באַדײַט דער קאמפ פונ דער פראנ־
צויזישער פראָנדע קעגנ דער אבסאָליוטער מאָנארכיע, אָדער די איליוזיעס פונ די פראנ־
צויזישע פריצים אינעם רעסטאווראציע־פעריאָד (1815—1830), אז ס'וועט זיי געלינגענ רעס־
טאווירנ ניט נאָר די מאָנארכיע, נאָר אויכ דעם גאנצנ אלטנ פעאָדאלנ רעזשים. דאָנ־קי־
כאָטישע פארמישפעטקײַט ליגט אפ אלע פרווונ פונ דער בורזשואזיע פונ אונדזער עפאָכע
אצעוועג דעם קאפיטאליזם, אָפהאלטנ דעם זיגרײַכנ מארש פונ דער פראָלעטארישער רע־
וואָליוציע. אינ דעם, אונ נאָר אינ דעם באשטייט די לאנגדויערנדיקע היסטאָרישע ווירקונג
אונ לעבעדיקײַט פונ אָט דער געשטאלט, אונ ניט אומזיסט האָבנ מארקס אונ ענגעלס אזוי
הויכ געשאצט סערוואנטעסעס ווערק אונ גלענצנדיקעס אויסגענוצט אינ זייער וויסנשאפט־
לעכער אונ פאָליטישער פאָלעמיק, אשטייגער, אינ זייער קאמפ קעגנ שטירנערנ („דער
הייליקער מאקס"). ענלעכ האָט אויכ מענאכעם־מענדל א באַדײַטונג ניט בלויז פאר דער דער־
קענטעניש פונעם יידישנ קליינבערגערטום, נאָר אויכ פאר דער דערקענטעניש פונ וועזנט־
לעכנ שטריכנ אינ דער סאָציאלער פסיכאָלאָגיע אונ אופירונג פונ קליינבירגערטום אינ־
אגבנ גענומענ, אונ דאָס איז א וויכטיקער אונ ווירקלעכער פארדינסט פונ שאָלעם־אלײ־
כעמס: וואָרעם פאראפראזירנדיק מארקס אָפשאצונג פונ פרודאָנענ (בריוו, אדאָראטסקיס אויס־
גאבע, 24) קאָנענ מיר אויכ וועגנ שאָלעם־אליכעמענ זאָגנ: שאָלעם־אלייכעם פאר
דיינס צו זײַנ דער קינסטלערישע אויסטײַטשער פונ דעם יידישנ
קליינבירגערטום: דאָס איז א ווירקלעכער פארדינסט, וואָרעם דאָס
קליינבירגערטום וועט זײַנ א באשטאנד־טייל פונ אלע קומענדיקע
סאָציאלע רעוואָליוציעס.

די בורזשואזע יידישע קריטיק האָט אינ מענאכעם־מענדלענ נאטירלעכ געזעענ בלויז
נאציאָנאלע יידישע קאטעגאָריע. לויט באלמאכשאָוועסנ איז מענאכעם־מענדל „די
יידישע פאָלקס־מעשוגאַעס אינ דער געשטאלט פונ א יידישנ סויכערל", בעשאס מענאכעם־
מענדל איז אינ דער ווירקלעכקײַט די מעשוגאַעס פונעם קליינבירגערטום ביכלאל אינ דער
געשטאלט פונ א יידישנ סויכערל. מיט באלמאכשאָוועסעס כאראקטעריסטיק איז פולקאָם
מסכים אויכ ניגער, ער גיט בלויז צו, אז טעוויע איז מער אוניווערסאל פונ מענאכעם־
מענדלענ: „אזוי ווי אינ טעוויע דעם מילכיקנ האָט דער דיכטער אונדזערער זיכ אופגע־
הויבנ פונ דער פסיכאָלאָגיע פונ דעם וואָלינער יישוווניק ביז צו אלגעמיינע
מענטשלעכע געפילנ, אזוי האָט ער אינ די בריוועלעכ פונ דעם יעהופעצער
פּעסימיסטיק זיכ דערגרונטעוועט ביז צו אלגעמיינ־יידישע כאראקטער־שטריכנ"
(ניגערס קורסיוו. געקליבענע שריפטנ. ב. III, 90). מענאכעם־מענדל איז אלזאָ, לויט ניגערנ,
א פארקערפערונג פונ בלויז „אלגעמיינ־יידישע שטריכנ". די מאָס פונ אוניווערסאלקײַט
איז בא ניגערנ דער צעשווומענער אונ קיינעם ניט קלאָרער באגריפ פונ „אלגעמיינ־מענטש־
לעכע געפילנ, אונ אונטער דער פאָנ פונ די דאָזיקע „אלגעמיינ־מענטשלעכע געפילנ"
באהאלט דורכ ניגער אנ אפאָלאָגיע פונ אלע אָפגעשטאנענע שטריכנ פונ טעוויענ, אנ אפאָ־
לאָגיע פונעם גאנצנ עלנט פונ טעוויעס פילאָסאָפיע. אינדערעמעסנ זײַנענ סײַ טעוויע, סײַ
מענאכעם־מענדל אוניווערסאלע פיגורנ, וואָרעם ביידע פארקערפערנ וועזנטלעכע
שטריכנ פונ דער פסיכאָ־אידעאָלאָגיע פונעם קליינבירגערטום אינגאנצנ גענומענ; ביידע

פארמאָגנ אָבער א באשטימטע קאָנקרעט־היסטאָרישע נאציאָנאלע פאָרם, אונ ד
נאציאָנאלע פאָרם איז גראָד בא טעוויענ געדיכטער פאָרגעשטעלט, ווי בא מענאכעם־מענדלע
וואָרעם שאָלעם־אלייכעם האָט באוווסטזיניקט טעוויענ „פארקאָנסערווירט״, פארפאטריאַר
כאלישט.

.5

מענאכעם־מענדל איז ווי באקאנט א בערזע־ספעקוליאנט, א מעקלער, א פארזיכערונג
אגענט, א שרייַבער, א שאדכנ. דער גאנצער זינ פונ דער דאָזיקער געשטאלט, דער גאנ
צער קונצ באשטייט אָבער אינ דעם, וואָס מענאכעם־מענדל איז נ י ט קיינ בירזשעוו
אונ נ י ט קיינ מעקלער אונ נ י ט קיינ שרייַבער אונ נ י ט קיינ שאדכנ. מענאכעם־מענד
איז נים א סויכערל, וואָס האָט נים קיינ מאזל, ער איז ביכלאל קיינ סויכער נים, ער אי
א סויכער בלויז אינ דער אייגענער פאנטאזיע. ער איז הימל־ווייַט פונ דער עמעס
בערזע, אונ אויב די „קליינע בערזע״ שפיגלט אָפּ פארקריפלט אונ פארנעפּלט די פאר ז
היפּש פארשלייערטע קאָנוווּלסיעס פונ דער „גרויסער״ בערזע, שטייט מענאכעם־מענ
אפּנ ראנד אפילע פונ אָט דער „קליינער״ בערזע, ער איז די נאָכמער נעפּלדיקע אונ נאָ
מער פארקריפלטע אָפּשפּיגלונג פונ דער „בעהאַלע פונ די קליינע מענטשעלעך״—ער א
נים נאָר א שאָטנ פונ דער בערזע, נאָר א שאָטנ פונ א שאָטנ. טראכט זיך אריַינ אינ ד
סיבעס פונ מענאכעם־מענדלס דורכפאל אינ „לאָנדאָנ״, אונ איר וועט זענ, אז ס׳איז אבס
ליוט נים דערפאר, ווייַל מענאכעם־מענדל האָט שלעכט קאָמבינירט, ווייַל ער האָט געשפּיל
באפיר נאָנג אפּנ שטייַגנ („האָס״), בעשאָס ס׳איז געקומענ גראָד א מאַפּאָלע אפּנ רונ
„בעסנ״. גראָד פּאַרקערט: מענאכעם־מענדל האָט געשפּילט [illegible]
איז טאקע געפאלנ אינ שוויל־טאכטיאָ אריַינ, אונ ס׳איז אוועק א מוירעדיקער „בע
וועסטו דאָך פרעגנ: ווו זייַנענ מייַנע „בעסנ״ אונ מייַנע „סטאלאזשנ״? איז דער טערע
די בעסנ זייַנענ נים קיינ בעסנ, די סטאלאזשנ זייַנענ נים קיינ סטאלאזשנ... ווי א
צעלאָכעס האָב איך געשטעקט מיט מייַנ סכוירע אלצ בא אזעלכע מענטשעלעך, וואָס מי
איינ קוועטש זייַנענ זיי דערשטיקט געוואָרנ...״ מענאכעם־מענדל פאלט דורכ נים ווייַל ע
האָט שלעכט, שלימאזלדיק געשפּילט, נאָר ווייַל ער האָט ביכלאל נים געשפּילט, ער הא
איינגעקויפט „בעסנ״ אונ „סטאלאזשנ״, וואָס זייַנענ פונ אָנהייב אָנ קיינ „בעסנ״ ביכלא
נים געווענ, וואָרעם די, וואָס האָבנ עס אימ „פארקויפט״, האָבנ עס אליינ נים געהא
פאקטיש האָט ער געשפּילט אינ כאָלעם, אינ פאנטאזיע, ער האָט נאָכגעמאכט אונ קאָנטו
סיוו נאָכגעקרימט די גרויסע שפּיל פונ די גרויסע קאפּיטאליסטישע רויב־כאיעס, ער הא
געמאכט די גאנצע זשעסטיקוליאציע פונ דער שפּיל אָנ דער שפּיל גופע, געפּיבערט א
באגאָסנ זיך מיט קאלטנ שווייס אונ געהיצט זיך אָנ קיינ שום רעאלנ גרונט, ענלעך, ו
דאָס קומט פאָר אינ כאָלעם.

אונ אָט ווערט מענאכעם־מענדל א שוטעפ מיט א צווייטנ מעקלער: „האקיצער, מי
האָבנ מיט גאָטס הילפ געמאכט א געשעפט, ד. ה. מיר האָבנ געשלאָסנ שוטפעס אפּ א
געשעפטנ: ער לייגט אריַינ אינ שוטפעס אלע זייַנע אימעניעס, אונ איך לייג אריַינ מייַ
קוינעמ״,—אונ דער שפּיצ איז ווידער דער, אז יענער האָט נים קיינ אימעניעס אונ ד
האָט נים קיינ קוינעם, אונ מעמילע עקזיסטירט דער גאנצער געשלאָסענער „געשעפ
בלויז אינ זייער פאנטאזיע. ענדלעך איז מענאכעם־מענדל א שרייַבער, וואָס „זייַנ נאָמ
איז אפּנ בלאט אָפּגעדרוקט״, געדרוקט געוואָרנ איז ער אָבער בלויז... אינ בריוו־קאס

ין די רעדאקציע האָט אים איינמאָל געענטפערט ער זאָל שיקן אנדערע זאכן. אויב מע־
אכעם־מענדל פירט אויס א שידעך, איז עס ווידער אפ אזא מין אופן, אז קיין שידעך
קאָן קיינמאָל דערפון ניט ווערן, מעג מענאכעם־מענדל אפילע זײַן מיט צען קעפּ און
א שאדכן פון שאדכאָנים־לאנד, וואָרעם אזא שידעך עקזיסטירט ביכלאַל ניט אין דער
וועלט: ער פּאָרט צונויף צוויי מיידלעך. האָט ער „אָנגעהויבן ווערן אן אריַינגייער צו די
בראָדסקיס“, הייסט עס, אז ער שטייט ערגעץ בא בראָדסקיס הינטער דער טיר; האנדלט
ער מיט אימעניעס, זײַנען עס ניט אימעניעס, נאָר אָפּיסן פון אימעניעס, און פארסטרא־
כירט ער א פאָרעץ, איז עס ניט קיין פאָרעץ, נאָר עפּעס א שיקערער „פּיפּערנאָטער“.
און שרײַבט ער פארשיקערט, אז ער „טוט שוין א געב אָדער א נעם מיטאמאָל צען
טויזנט פונט, צוואנציק טויזנט פונט“—שרעקט אײַך ניט: דער „מיליאָנער“—„דארף קלע־
טערן אפ אײַזערנע טרעפּ א האלבע שאָ, ביז מע קומט אהיים, אזש אונטערן הימל, און
א פענצטערל איז א קליינס, ווי אין א טורמע“... זײַנע אלע געשעפטן זײַנען אזוי ארום
א פּראָדוקט פון א צעהיצטער פאנטאזיע, די כימערישע כאלוימעס פון א הונגעריקן קליינ־
בירגער בא די געדעקטע רײַכע טישן פונעם קאפּיטאליזם. און ענדלעך, ווען מענאכעם־
מענדל זעט אין פענצטער „בראָנזועליעטן“ און א גילדענעם זייגער, איז עס אין זײַן
קראַנקער פאנטאזיע שוין אזוי גוט ווי געקויפט, שוין אזוי גוט ווי זײַן אייגנס.

אָטאָ דאָ, קאָן זיך אויסדוכטן, קומען זיך צונויף דער שלימאזלדיקער יעהופּעצער סוי־
כערל און דער ניט מער גליקלעכער „ריטער פון דער טרויעריקער געשטאלט“ דאָן־קיכאָט
פון לאמאנטשא. זײַנען דען ניט זיי ביידע אזוי פארטאָן אין זייער וועלט פון כאלוימעס,
אז זיי באמערקן שוין לאכלוטן ניט דיווירקלעכקייט, וואָס ארום זיי? רײַט דען ניט
ארויס אויך מענאכעם־מענדל אפ דער אבסטראקטער קליאטשע פון „געשעפטן“, וואָרעם
סווינקס און ס׳קישעפט אים פונדערווײַטנס דולציניע אין דער געשטאלט פון „מיליאָ־
נען, מיליאָנען“? און זײַנען דען ניט מענאכעם־מענדלס „לאָנדאָנס“ און „יאקנעהאָז“ דאָנ־
קיכאָטישע לופט־שלעסער און ווינט־מילן? כאפּט דען ניט מענאכעם־מענדל, ווי דאָן־קיכאָט,
קלעפּ און סטוסאקעס אפ שריט און טריט, און בלײַבט ער דען ניט קעסיידער ניט גע־
האקלט אין זײַן בלינד־ענטוזיאסטישן גלויבן אין די גליקן, וואָס דערווארטן אים? יאָ,
מענאכעם־מענדל און דאָן־קיכאָט זײַנען ביידע פאנטאסטן, מאניאקן, גלויביקער און באל־
כאלוימעס,—און דאָך איז מענאכעם־מענדל ניט קיין דאָן־קיכאָט, ווי ניגער וויל האָבן
(1. 92). דאָן־קיכאָט איז אן עמעסער ריטער, מער עכטער ריטער, ווי אלע ריטער פון
קעניג ארטורס קײַלעכדיקן טיש,—בעשאס מענאכעם־מענדל איז גאָר קיין סויכער ניט,
נאָר קיין ספּעקוליאנט ניט. די טראַגעדיע און דער קאָמיזם פון דאָן־קיכאָט באשטייט אין
דעם, וואָס ער איז דער **לעצטער** ריטער, דער **פארשפּעטיקטער** ריטער, וואָס
ער איז ריטער דאן, ווען ס׳איז שוין גאָר קיין ריטערטום ניטאָ אפ דער וועלט. די וועלט
פון ריזן און מעכאשפים, וואָס רינגלט אים ארום, עקזיסטירט בלויז אין זײַן פאנטאזיע:
אָבער מענאכעם־מענדלס אויסגעטרוימטע וועלט פון „מיליאָנען, מיליאָנען“ איז פאראן, זי
איז דאָ, זי פינקלט ארום אים און גיסט זיך איבער אין דאטשעס, קארעטעס מיט פערד
נאכשפּיץ, הײַזער פאר „א קערבל 20 טויזנט“, צירונג אין די שויפענצטער, „סאָדעזשאנ־
קעס און שענשענעטקעס“... זי איז דאָ, די וועלט פון מיליאָנען, אָבער אוי־וויי! ניט בא
אים, נאָר בא די בראָדסקיס. אין מינוטן פון האלבער אויסניכטערונג הויבט עס אָן פאר־
שטיין מענאכעם־מענדל אליין, און ס׳רײַסט זיך בא אים ארויס די האלב־ביטערע באמער־
קונג: „צו דער שפּעגוליאציע באדארף מען האָבן נאָר דרײַ זאכן: **סייכל, מאזל** און

13. „שטערן“ נומ. 5–6

ג ע ל ט. ס ײ כ ל איז באָרעכ־האשעם פאראנ בא מיר אזויפיל, וויפל בא אלע היגע שפּעגליאַנטנ. מ א ז ל איז בא גאָט. אונ ג ע ל ט איז בא די בראָדסקיס...״

די דאָנ־קיכאָטנ שלעפּנ אפ צוריק, ווילנ ארייַנבלאָזנ א נייַעם אָטעם אינ דער שווינלאַנג טויטער פ א ר ג א נ ג ע נ ה ייַ ט — די מענאכעם־מענדלס ווערנ זיכ אָבער מיט די הענט אונ מיט די פיס קעגנ דעם געדאנק צוריקצוקומענ צו די טויט־געוואָרענע קאסרילעווקעס, אונ פארבלענדט אונ פארשיקערט שטייענ זיי באם אָנבליק פונ דער קאפּיטאליסטישער ק ע ג נ וו א ר ט. זיבעציק מאָל רופט שיינע־שיינדל איר מאנ אינ קאסרילעווקע — אונ זיבנאונזיבעציק מאָל דרייט זיכ ארויס מענאכעם־מענדל מיט קאָלערליי טערוצים, אונ אפילע זיצנדיק אינ וואגאָנ אפ דער רייַזע אהיים, פארקערעוועט ער פלוצים אָנ א זייַס, ביז ער פאָרט אָפּ ענדלעכ אונ אומדערוואַרטעט אינ אמעריקע. שיינע־שיינדל רעאגירט טייקעפ אונ גאנצ לעבעדיק אפ מענאכעם־מענדלס בריוו, ער אָבער רופט זיכ קימאט ניט אָפּ אפ יענע „נייַסנ״, וואָס זי טראָגט אים אונטער פונ קאסרילעווקע, וואָרעם ס׳אינטערעסירט אים שוינ מער ניט, קאסרילעווקע איז שוינ לאַנג פאר אים אָפּגעשטאָרבנ אונ רופט ער זיכ שוינ יאָ אמאָל אָפּ, איז עס מיט ביטל, מיט כויזעק, קעדיי טייקעפ דורכצופירנ א פאראלעל מיט אָדעס אונ יעהופּעצ. דער קאסרילעווקער כאזנ, פונ וועלכנ ער האָט מינאסטאם נאָכ מיט א יאָר צוריק געלעקט די פינגער, איז שוינ איצט בא אים „אנ אלטער דראָנג״. וועגנ די קאסרילעווקער פארגאָסעס רעדט ער פונ אויבנ אראָפּ: „בא אייַערע קאסרילעווקער פארנאָסעס קאָנ זיכ קיינ סויכער אנדערש ניט אויסהאנדלענ. זעסט דו, בא אונדז אינ יעהופּעצ קאָנ זיכ שוינ אזא מייַסע ניט טרעפנ...״ קאסרילעווקער באנקראָטנ האָבנ בא אים גאָר קיינ פּאָנעם ניט: „וואָס דו שרייַבסט מעקויעכ קאָפּלס אָנזועצ, האָט עס בא מיר א שיינעם פּאָנעם קעגנ די היגע אָנזועצנ״, אונ אזוי אויכ קאסרילעווקער ליבע־געשיכטעס: „וואָס דו באשרייַבסט מיר די מייַסע מיט לייווי מוישע־מענדעס זונדל, וואָס ער האָט מעקאדעש געווענ ליבעס טאָכטער, איז דאָס בא מיר פונ די קליינע כידושים״... זייַנ קינפּסיק לעבנ שטעלט ער זיכ שוינ גאָר ניט פאָר אויסער די ראמענ פונ דער גרויסער שטאָט, אונ זייַנ לעבנ־אידעאל איז דער לעבנ־שטייגער פונ א פארוועניו, דער לעבנ־שטייגער פונ א שימעלע סאָראָקער נאָכנ גרויסנ געווינס...

מענאכעם־מענדל איז אזוי ארום א קאָנצענטרירטע, ביז גאָר פארשארפטע אנטפּלעקונג פונ דער א י ל י ו ז א ָ ר י ש ק ייַ ט פונ דעם קליינבירגערס עקזיסטענצ אינ דער קאפּיטאליסטישער וועלט, א ביז גאָר ביטער אונ אנטשיידנ אראָפּרייַסנ די מאסקע פונ זייַנ קלוירמערשטער זעלבשטענדיקייַט, אומאָפּהענגיקייַט, פרייַער אויסוואל, א פארניכטנדיקע קריטיק פונ יענע אלע צענדליקער טויזנטער קליינבירגער, וואָס טראָגנ זייערע בידנע גראָשנס אינ די שפּאָר־קאסעס, ווו באלעבאטעווענ וועלנ איבער זיי די קאפּיטאליסטישע מעלוכע אונ די גרויס־בורזשואזיע; וואָס קויפנ אפ זייערע אָפּשפּאָרונגענ אקציעס מיט אָבליגאציעס אונ ווערנ אינ זייער פאנטאזיע שיר ניט קאנטיעס, קלוימערשטע אייגנטימער פונ קלוימערשטע, אונ אינ טאָכ „פארוואסערטע״ אונ ווערטלאָזע פּאפּירלעכ, וואָס גיבנ סאכאקל דעם קליינ־אייגנטימער קיינ שום דייע ניט אונ קיינ שום כיילעק אינ קיינ שום אונטערנעמונג, וואָס געהער דער אקציע־געזעלשאפט; וואָס ווערנ אפּנ ברוטאלסטנ אויפנ, ווי מענאכעם־מענדל, בארויבט אונ נאקעט געשטעלט בא יעדער געלעגנהייַט אונ ביפראט אינ קריזיס־צייַטנ דורכ די גרויס־קאפּיטאליסטישע וואלפישנ; וואָס גייענ מיט שטאָלצ אונ ענטוזיאזם צו די וואל־אורנעס פונ דער בורזשואזער „דעמאָקראטיע״, ניט כוישעד־זייַענדיק, אז אינ טאָכ האָבנ זיי בלויז די פרייַע וואל צווישנ איינ גרופּירונג פונ קאפּיטאליסטנ אונ

...יקר צווייטער; וואס ווערן געפאנגען אפ דער ווענטקע פון פאשיסטישער דעמאגאגיע און ווערן שוין אין זייער פאנטאזיע, ווי ס'פארשווינדן די גרויסע „אוניווערמאגן“, און ווערן נאך בלויז אויסגענוצט ווי דער רויב-אביעקט און די שלאכט-פי פון די קרופס און די טיססענס. קורץ, מענאכעם-מענדל איז א סאטירע אפן גאנצן שפיל פונעם קליינבירגער-לעכן פארן קאפיטאליסטישן טײַוול. געוויס קומען אויך שאָען פון אויסניכטערונג, שטימונגען פון געפאלנקײַט, זיי זײַנען טאקע פאראן אויך בא מענאכעם-מענדלען, די דאזיקע שטימונגען פון קליינבירגערלעכן אורטייל: „איך פארשעלט מיר דאס געביין הונדערט מאל א טאג, בעסער וואלט איך זיך אויטגעבראכן א פוס, איידער איך בין געקומען אהער קיין אדעס, ווו א מענטש האט קיין שום ווערדע ניט...“ אדער: „האשעמאיסבארעכ זאל שוין א נעס טאן מיט מיר: גאזלאנים זאלן אפ מיר אנפאלן און מיך הארגענען, אדער עס זאל אזוי שטארבן גייענדיק אין גאס, ווארעם, זוגאסי האיעקארא, איך קאן דאס שוין ניט איבערטראגן...“ אדער דער לעצטער, אגעוו, דער שטארקסטער, אקארד פון „בוליאנען“: „אלע טראסקען, נאר איך איינער שטיי און קוק, ווי די וועלט מאכט געשעפטן מיט פארדינט געלט, און איך דריי מיך ארום ווי א פרעמדער. איך זע פאר זיך מיליאנען און מיליאנען, און קאן זיי ניט כאפן... איך בין שטענדיק עפעס ווי אין דרויסן...“ אזעלכע אויסניכטערונג-מאמענטן פארמאגט ניט דאן-קיכאט (אויב לאזן אן זײַט דעם מאראליזאטארישן לעצטן קאפיטל, ווו דאן-קיכאט טוט טשוווע). א שטארק אונטערשטראכן מאכט אפ דאן-קיכאטן דאס באזיגט ווערן לויט אלע קלאלים פון ריטערלעכער קאנסט אין אפענעם צווייקאמפ, אבער אויך דאן ווייס ער, בלויז, אז „דולצינייע פון טאבאָס איז די שענסטע דאמע אין דער וועלט, און איך—דער אומגליקלעכסטער ריטער אף דער ערד“...

יא, מענאכעם-מענדל איז ניט קיין סויכער, נאר א קאריקאטור אפן סויכער, ניט קיין ספעקוליאנט, נאר א קאריקאטור אפן ספעקוליאנט,—מענאכעם-מענדעליזם איז די קאריקאטור אפן קאפיטאליזם. ניטא קיין קאריקאטור אן גוזמע און פארקריפלונג, די געלונגענקײַט און די ווירקעוודיקײַט פון א קאריקאטור הענגט אבער אפ ניט אזויפיל פונעם איבערטרײַבן, וויפל פון דער ענלעכקײַט צום ארגינאל, וואס מער די קאריקאטור שארשירט אין דערווײַטערט זיך פון דעם ארגינאל, אלס וויניקער איבערצײַגט זי. א בעעמעס קינסטלערישע קאריקאטור שפיגלט אפ, עמעס, ווי אין א פארגרעסער-גלאז, וועזנטלעכע שטריכן פונעם ארגינאל גופע, און אויך מענאכעם-מענדל איז ניט בלויז א סאטירע אפן קליינבירגער, וואס קריכט צו דער בורזשואזיע און איז פארבלענדט פון איר פראכט, נאר אויך די דעמאסקירונג פון וועזנטלעכע שטריכן אין דער גאנצער קאפיטאליסטישער סיסטעם, פון יענע שטריכן פון איראציאנעלקײַט, פאראזיטיזם, אנאייגענונג און רויב, וואס זײַנען אייגנטימלעכן דער בורזשואזיע אפן גאנצן שטעכ פון איר געשיכטע.

מענאכעם-מענדלען אינטערעסירט ניט דער פראדוציר-מאמענט אין דער ווירטשאפט, די געגנרויכ-באשטימונג פון די האנדל-אביעקטן ער זעט אין זיי בלויז זייער אויסטויש-ווערט, בלויז די רעוועכ-און ספעקוליאציע-מאמענטן, וואס זײַנען מיט זיי פארבונדן, און ניט קיין וואונדער, אז פון די געשעפטלעך מיט „ווייץ, קלײַען, וואל, מעל, זאלץ, פעדערן, ראזינקעס און זאק, הערינג“ לויפט ער איבער צו דער אבסטראקטער „איידעלער מאטעריע „לאנדאן“. וואס פארקויפט פארקויפן זיך דאס אפן ווארט, און זען זעט מען דאס ניט“. דא קומען אבער צום אויסדרוק איקערדיקע מאמענטן פון דער בורזשואזער באציונג צו ארבעט, צו דער פראדוקציע, צו דער טעכניק, צו די פארבורויכ-פאדערונגען און אינטערעסן פון די מאסן,

וווּ אַלץ איז אונטערגעוואָרפנ דעמ קאַפּיטאַליסטישנ פּראָפיט. דאָ קומט צומ אויסדרוק די גרייטקייט פונ די קאַפּיטאַליסטנ לאָזנ פאַראַסטנ די קאָמפּליצירטעסטע מאַשינעס, אויב ס'לוינט בעסער נוצנ ביליקע ארבעט־הענט. דאָס אָפּקויפנ דערפינדונגענ אונ באַגראָבנ זיי אינ ארכיוו אויב דאָס קאָנ שאָדנ די שוינ אריַינגעלייגטע קאַפּיטאַלנ אינ די ביזאיצטיקע מעכאַניזמענ, דאָס אריַינלאָזנ זיכ אינ מילכאָמע־אוואַנטיורעס אונ לאָזנ מיטנ רויכ פונ סנאַריאַדנ מיליאַרדנ שאָענ פונ מענטשלעכער מי, אבי ס'וועלנ וואַקסנ אָפּ די מילכאָמע־הייוונ די קאַפּיטאַליסטישע פּראָפיטנ. ענלעכ דריקט אויס א טיפּ קאַפּיטאַליסטישנ שטריכ מענאַכעמ־מענדלס בענקעניש צו אַנ אומגערעטעניש, זייַנ לעכצנ, אז „האַלעוויַ זאָל גאָט געבנ, אז קיינ רעגנ זאָל בעסער ניט גייַנ, אונ די זשוקלעכ זאָלנ עסנ די בוריקעס. אָפּ וואָס די וועלט שטייט, וואָרעמ ווי באַלד אז עס וועט ניט זייַנ קיינ בוריקעס, וועט דאָכ ניט זייַנ קיינ צוקער, אונ אז עס וועט ניט זייַנ קיינ צוקער, וועט צוקער זייַנ מיט גאָלד גלייַכ, וועלנ די שפּעגעליאַנטנ מאַכנ געשעפטנ, די מעקלערס וועלנ פאַרדינענ געלט, אונ איכ אויכ בעסויכאָמ".

אונ וואָס מער ס'פאַרשווינדט יענע „ציוויליזאַטאָרישע זייַט פונעמ קאַפּיטאַליזמ, וואָס דריקט זיכ אויס אינ דעמ, וואָס ער צווינגט ארויס די מער־ארבעט אָפּ אַזא אויפנ אונ בא אַזעלכע באַדינגונגענ, וואָס זייַנענ גינסטיקער פאַר דער אנטוויקלונג פונ די פּראָדוציר־קויכעס, פונ די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישנ אונ פאַרנ באַשאַפנ עלעמענטנ פונ א העכערער נייַער פאָרמ, ווי בא די פריִערדיקע פאָרמעס פונ שקלאַפנטומ, לייַבאייגנטומ א. אז. וו." (מאַרקס, קאַפּיטאַל, רוסישע אויסגאַבע, ב. III 290,2); וואָס מער ס'פוילט דער קאַפּיטאַליזמ אונ די מאָדערנע פּראָדוציר־קויכעס קומענ אינ קאָנפליקט מיט די פּראָדוציר־ אונ אייגנטומ־פאַרהעלטענישנ, וואָס זייַנענ די באַדינגונגענ פונ דער עקזיסטענצ פונ דער בורזשואַזיע אונ פונ איר הערשאַפט; וואָס וויַיניקער ס'קאָנ זיכ ספּראַווענ די בורזשואַזיע מיט יענע גייַסטער, וואָס זי האָט ארויסגערופנ,—אַלץ מער ווערט ענלעכ די קאַריקאַטור אַפנ אָריגינאַל. אַלץ מער מענאַכעמ־מענדליש ווערט די עקזיסטענצ אונ די טעטיקייט פונ דער בורזשואַזיע, אונ ס'קראַכנ דאַנ ניט בלויז די מענאַכעמ־מענדלס, נאָר אויכ די קרייגערס, די סטאַוויסקי־אַפערעס, פאַרכאַפּנ אַלע שיכטנ פונ דער בורזשואַזיע, פונעמ קרעמער ביזנ מיניסטאָרנ־קאַבינעט, עס פירנ אויכ פאַנטאַסטישע שידוכים די זנאַכערס פונעמ קאַפּיטאַליזמ אונ פאָרנ צונויפ אומפּרוכטבאַר צוויי מיידלעכ, פאַרסטראַכירנ דעמ לעבנ פונ „פּריצימ", וואָס זייַנענ גאָר „פּיפּערנאָטערס".

אָטאָ דאָס איז די דריטע אונ לעצטע פּאַראַלגעמיינערונג, וואָס ס'טראָגט מיט זיכ די מענאַכעמ־מענדל־געשטאַלט. אינ דער ערשטער אונ סאַמע אויסערלעכער פּאַראַלגעמיינערונג איז מענאַכעמ־מענדל געווענ א סאַטירע אַפנ יידישנ לופט־מענטש, אַפנ קליינעמ יידישנ סויכער, מעקלערל, שאַרכנ, האַלב־אינטעליגענט; פונ אונטער דער נאַציאָנאַלער פאָרמ קוקט אָבער ארויס א מער אַלגעמיינער סינטעז—די געשטאַלט פונעמ קליינבירגער, וואָס איז א קאָרבנ אונ דער רויב פונ קאַפּיטאַליסטישע אילוזיעס, די קליינבירגערלעכע זעלבסטאָפּנאַרערייַ; אינ הינטער־גרונט הויבט זיכ אָבער אוֹפ אינ דער גאַנצער העסלעכקייט די פיזיאָנאָמיע פונעמ פוילנדיקנ, אונטערגייענדיקנ קאַפּיטאַליזמ, וואָס איז שוינ מער ניט קיינ הערשער איבער די געוואַלטיקע מאָדערנע פּראָדוציר־קויכעס אונ איז פּייִק בלויז אָפּ אומפּרוכטבאַרע אוואַנטיורעס אונ ספּעקוליאַציעס. ענלעכ איז באַלזאַקס „אַלטער וואָכערער גאָבסעק שוינ אריַינגעפאַלנ אינ קינדהייט, ווענ ער הויבט אָנ זיכ שאַצנ אַנ אויצער פונ אָנגעזאַמלטע סכוירעס" (מאַרקס, קאַפּיטאַל, ב, I, 463), אונ נאָכ זייַנ טויט געפינט דערוויל אינ זייַנ צימער הויפנס קאַליע־געוואָרענע פּראָדוקטנ, פוילנדיקע קאָלאָ־

אַלע סכוירעס, כאָרעווע מעבל — די דאָזיקע זעלבסט־פאַרניכטונג פונעמ אַלטנ פּראָצענטניק,
וואָס באַדײַט מעשוגאַעס, „אַרײַנפאַלנ אינ קינדהײַט“ אינעמ אופשטײַג־פעריאָד פונ קאַפּי־
טאַליזמ, ווערט אָבער דער סימבאָל פונעמ קאַפּיטאַליזמ אינ דער סטאַדיע פונ זײַנ פוילנ.
די נאָבסעקישע קאַריקאַטור אפנ קאַפּיטאַליזמ ווערט וואָס ווײַטער אַלצ ענלעכער אפנ אָריגי־
נאַל, און לײענענדיק די דאָזיקע שוידערלעכע באַלזאַקישע זײַטלעכ שווימט אַרופ אפנ גע־
דאַנק דער הײַנטיקער קאַפּיטאַליזמ מיט זײַנ פאַרברענענע סכוירעס אפ מיליאָניקע סו־
מעס, כאָרעוו מאַכנ הונדערטער־טויזנטער העקטאַר בליִענדיקע ערד, אויספאַרקויפנ מאַשי־
נעס אפ שמעלצ, פאַרמישפּעטנ אפ אומטעטיקײַט צענדליקער מיליאָנענ פלײַסיקע הענט. די
זעלבסט־פאַרניכטונג פונעמ מעשוגע־געוואָרענעמ אַלטנ פּראָצענטניק ווערט דער סימבאָל
פונ דער זעלבסטפאַרניכטונג פונ דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעמ.

## 6

מענאַכעמ־מענדל איז אַ ט ר אַ ג י ק אָ מ י ש ע פיגור. דער טראַגיזמ פונ מענאַכעמ־
מענדלס וואָרצלט אינ דער אָביעקטיווער סיטואַציע פונ זײַנ קלאַס, ווי אַ צווישנ־שיכט
צווישנ די צוויי אַנטיפּאָדנ פונ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, אינ זײַנ פאַרמישפּעט־
קײַט, אינ דעמ, וואָס „דער קלײנבירגער געפינט זיכ אינ אַזאַ עקאָנאָמישער לאַגע, זײַנע
לעבנ־באַדינגונגענ זײַנענ אַזוינע, אַז ער קאָנ ניט זיכ ניט אָפּנאַרנ“ (לענינ, באַנד XX 1
53). זײַנ קאָמיזמ וואָרצלט אינ זײַנ סוביעקטיוונ זעלבסטגעפיל, אינ זײַנ ניט פאַרשטײנ די
אָביעקטיווע לאַגע, אינ זײַנ גרויסהאַלטערײַ און באַרימערײַ, אינ יענער סטירע, וואָס איז
פאַראַנ צווישנ דער ווירקלעכקײַט און יענער וועלט פונ אילוזיעס, ווו ס'פאַרטראָגט אימ
זײַנ היציקע פאַנטאַזיע. דער קעסײדער אָפּגענאַרטער מענאַכעמ־מענדל איז אַ ט ר אַ ג י ש ע
פיגור; קאָ מ י ש איז מענאַכעמ־מענדל, ווענ ער נאַרט אָפּ זיכ אַלײנ. מעמײלע פאַלט אָפּ
יעדער שפור פונ קאָמיזמ אינ יענע געצײלטע מינוטנ פונ אויסניכטערונג, ווענ מענאַכעמ־
מענדל באַגרײַפט שוינ אַלײנ זײַנ דאַלעס און געפּאַלנקײַט, ווענ ער הויבט אָנ צו פאַרשטײנ,
אַז ער איז „שטענדיק עפּעס, ווי אינ דרויסנ“, אַז „ער דרײט זיכ אַרומ ווי אַ פרעמדער“
בעשאַס „די וועלט מאַכט געשעפטנ“. מעמײלע איז מענאַכעמ־מענדל צומײסטנ קאָמיש אינ
די מינוטנ פונ העכסטנ ענטוזיאַזמ, ווענ ער „ברענט, קנאַקט, פּליט“, און איז טיפ איבער־
צײַגט, אַז „ער וואַקסט, ער וואַקסט“, ווענ ער בלאָזט פונ זיכ און האַלט זיכ גרויס („עס
האָט אימ אָבער געהאָלפנ ווי אַ טויטנ באַנקעס, איכ, אַז איכ זאָג געלט, איז געלט!“
אָדער: „איכ האָב מיכ מיט זײ אַזוי לאַנג געראַנגלט, ביז זײ האָבנ פאָרט אויסגענאַרט בײַ
מיר מײַנע פינפ „לילעפּוטלעכ“ מיט די פינפ „וועגעלעכ“. נאָר וואָס דענ? איכ האָב זײ
אָבער אויכ גוט אָפּגעטאָנ. איכ האָב מיכ באַלד אָפּגעדעקט, איכ האָב אַריבערגעשמיסנ“. —
דאָס „גוט אָפּטאָנ“ באַשטײט אינ דעמ, וואָס מענאַכעמ־מענדל האָט צוריק אָפּגעקויפט,
אָבער אפ אַ מער טײַערנ פרײַז, זײַנע פריִערדיקע פּאַפּירלעכ).

עמעס, שאָלעמ־אַלײכעמ האָט דעמ קאָמיזמ פונ אָט דער פיגור געבויט אפ נאָכ אײנ
מאָמענט: אפנ קאָמיזמ, אפ דער לעכערלעכקײַט פונעמ פּראָווינציאַל אינ דער גרויס־שטאָט, אפ
דער סטירע, וואָס איז פאַראַנ צווישנ זײַנ פּראָווינציִעלער היספּײַלעס, דילעטאַנטיזמ, נאַיִוו־
קײַט און לײַכטגלויביקײַט מיט די גרויס־שטאָטישע זיטנ און שטײגער. דערפונ נעמענ זיכ
יענע שוינ באַרימטגעוואָרענע קאָמישע עפעקטנ, ווי מענאַכעמ־מענדלס היספּײַלעסדיקער שיל־
דערונג פונ פאַנקאָניענ, ווו „ווי באַלד מע זעצט זיכ נאָר אַנידער, אַזוי קומט צו אַ מענטש

מיט א פראק און היי ס ט, מע זאָל ה יי ס נ געבנ מאָראָזשענע, קאָנ מענ ניט זײַנ קיינ דאַווראכער און מע מוז הייסנ געבנ; און אז מע עסט אופ די פּאָרציע מאָראָזשענע, הייסט ער, מע זאָל הייסנ געבנ נאָכ א פּאָרציע", און הונדערטער ענלעכע שטעלעס (א שטייגער ווענ מענאכעם-מענדל סטראשעט זײַנ רײַכנ פעטער, אז ער וועט אים „קלאַפּנ א דעפּעש", אַדער דאָס פּראָווינציעלע איבערדרייענ בירזשע-טערמינענ, פּאָליטישע געשעענישנ, גרויס-שטאָטישע מינהאָגים א. אז. וו.). פאראנ אָנ סאָפּעק אזא מינ קאָמיזם-שטראָם אינ דער מענאכעם-מענדל-טיפּיזאציע, עס איז אָבער ניט דאָס איקערדיקע, עס איז א בײַ-ש ט ר אָ מ, ניט דער ג ר ו נ ט-ש ט ר אָ ם פונ מענאכעם-מענדלס קאָמיזם, ווארעם אויכ דאָס פּראָווינציעלע אינ מענאכעם-מענדלענ איז א בײַזאכ און ניט דער איקער (אינ קעגנזאץ, לאָמיר זאָגנ, צו עליענ, דעם ברודער פונ מאָטל דעם כאזנס). די מענאכעם-מענדל-פיגור האָט פולשטענדיק געקאָנט אויסגעבויט ווערנ אפ מאטעריאל פונ א גרויס-שטאָטישנ קליינבירגער, און אייגער פונ די שטריכנ פונ דער גרויסקײַט פונ שאָלעם-אליינעמס רעאליזם באשטייט טאקע אינ דעם, וואָס דער געניאַלער הומאָריסט האָט אויסגעמיטנ דעם לײַכטנ און אויבערפלעכלעכנ וועג פונ שפּילנ בלויז אפ מענאכעם-מענדלס פּראָווינציאַליזם, וואָס ער האָט עס געגעבנ מיט אסאכ טאקט און אסאכ פאָרזיכטיקײַט, טאקע ווי א בײַשטריכ, ווי א סובאָרדינירטנ מאָמענט. ענלעכ הייסט דער צווייטער און צענטראלער טייל פונ באלזאקס „פארלוירענע איליוזיעס"—„דער גרויסער מענטש פונ דער פּראָווינצ אינ פּאַריזש", און דאָכ האָט באלזאקס קינסטלערישער כוש אים דיקטירט ניט צו שטעלנ דעם טראָפּ דאפקע אפ דעם פּראָווינציאַליסקײַט-מאָמענט אינ דער טיפּיזאציע פונ ליוסיענ דע-ריבאנפּרע. דער קאָמיזם פונ שיינע-שיינדלענ איז דאפקע מער געבויט אפ אָט דער פּראָווינציאַלער באגרענעצטקײַט און הינטערשטעליקײַט, און ער איז טאקע גרעבער, פּראָסטער, ווולגערער, מער באנאל—ער ווירקט פונ אָנהייב אפילע מער דירעקט און שטארקער, ווי מענאכעם-מענדלס קאָמיזם, ער עסט זיכ, אָבער גיכ צו און הויבט אָנ ווערנ מאָנאָטאָנ, ווארעם ער פארמאָגט ניט קיינ פארטיפונג, קיינ גרעסערנ שווונג. מיר קאָנענ אינ אים ניט אנטדעקנ אלצ נײַע און נײַע שטריכנ און מאָמענטנ, ווי דאָס איז דער פאל מיט מענאכעם-מענדלענ. אזא איז אָבער דער עפעקט פונ יעדער ארט קאָמיזם פונ נידעריקערנ גראד.

7

און אָט זײַנענ מיר צוגעקומענ צו דער שיינע-שיינדל-געשטאלט. שיינע-שיינדלענ האָט שאָלעם-אליינעם טראקטירט אינ א הומאָריסטישנ פלאנ, מענאכעם-מענדלענ אָבער סאטיריש. ניטאָ נאָכ א געשטאלט, וואָס שאָלעם-אליינעם זאָל זי האָבנ באהאנדלט אזוי קריטיש, אזוי שארפ און פארניכטנדיק דעמאסקירט ביזנ סאָפּ, ווי די מענאכעם-מענדל-געשטאלט. געווים זײַנענ פאראנ דאָ און דאָרט איינצלנע מאָמענטנ, ווענ שאָלעם-אליינעם דערפילט א שטיקל מיטלייד צו זײַנ העלד, און פארענדיקט ווערט דאָס גאנצע ווערק, ווי באקאנט, מיט (און ווייניק מאָטיווירט אינ מענאכעם-מענדלס מויל) מיט א טענדענציעזנ ביטאָכנ-אויסגעשריי: „מיר האָבנ א שטארקנ גאָט". עס איז ווייניק מאָטיווירט פאר מענאכעם-מענדלען אליין אינ זײַנ לעצטער סטאַדיע, ווארעם אפילו דאַן קומט זײַן [illegible] [illegible] אינ דער [illegible] אינ דער אלמעכטיקייט [illegible] מענטש געווינען אינ דער אלמעכטיקייט פונ דער קאפיטאליסטישער אמעריקע („אויב אינ אמעריקע, זאָגט מענ ווערנ ייִדנ גליקלעכ"). עס איז ווייניק מאָטיווירט פאר מענאכעם-

…ענדלען, וואָרעם אין אַלגעמיין בלײַבט מענאכעם-מענדל זיך געטריַי ביזן סאָף, ביזן לעצטן
…ענדלען, וואָרעם אין אַלגעמיין בלײַבט
…יזן, און דער פרווו אַרײַנצוטראָגן טעוויע-עלעמענטן אין מענאכעם-מענדלען האָט געקאָנט
…לוין פאַטערן די גאַנצע געשטאַלט. פאַראַן אַלזאָ מאָמענטן, ווען שאָלעם-אַלייכעם באַקומט
…טלאַך צו זײַן געשטאַלט, און דאָס איז שײַעך ביפּראַט צו יענע שטעלן, ווו די קריטיק
…ן מענאכעם-מענדלען גייט אַריבער אין מענאכעם-מענדלס זעלבסטקריטיק, צו יענע שטעלן,
…אָס שילדערן מינוטן פון מענאכעם-מענדלס אויסניכטערונג. עס זײַנען אָבער ניט מער
…ו מינוטן און ניט מער ווי איינצלנע מאָמענטן. עס דאָמינירט אין שאָלעם-אַלייכעמס באַ-
…יונג צו מענאכעם-מענדלען דער מאָטיוו פון קריטיק, פון אַרונטערײַסן און דעמאַסקירן.
… די וואָרצלען פון שאָלעם-אַלייכעמס קריטישער באַציִונג צו מענאכעם מענדלען דאַרף
…עטן זוכן אין דעם אורטייל פון דעם קליינבירגער, אין דעם געפיל פון פּראָטעסט,
…אנטוישונג און פּעסימיזם, וואָס כאַפּט אַרום דאָס קליינבירגערטום אין רעזולטאַט פון די
…קלעפּ פונעם קאַפּיטאַליזם. אָן ספק האָבן זיך דאָ צוגעמישט אויך ציִעניסטיש-נאַציאָנאַליס-
…ישע טענער, אין דער קריטיק פון מענאכעם-מענדלען לאָזט זיך פילן אויך דער בײַטאָם
…ן די ציִעניסטישע „גאָלעס"-טעאָריעס, און מענאכעם-מענדל דערשײַנט ווי אַ פּאַרקערפּע-
…רונג פון די „גאָלעסדיקע" ספּעציפיש-יידישע פּאַרנאָסעס. אין גרונט אָבער טראָגט די קריי-
…יק פון מענאכעם-מענדלען און פונעם מענאכעם-מענדעליזם אָן ספק אַ פּראָגרעסיוון
…כאַראַקטער, וואָרעם זי פּאַרקערפּערט קינסטלעריש די ספּייקעס פונעם קליינבירגער בענע-
…יע דער בורזשואַזער אָרדענונג (ענלעך האָט מאַרקס פּאָרמולירט סיסמאָנדיס באַדײַטונג
…ין דעם, וואָס ער פּאַרקערפּערט די ספּייקעס פון דער בורזשואַזער פּאָליטישער עקאָנאָמיע.
…אַרגלײַך „צו דער קריטיק פון דער פּאָליט-עקאָנאָמיע", רוסישע אויסגאַבע 1932, ז. 83). עס
…איז אָבער פּאָרט געווען אַ קריטיק פון קליינבירגערלעכן שטאַנדפּונקט, פון יענעם שטאַנד-
…פּונקט, וואָס „וואַרפט אַרויס אַריבערן באָרט יעדן היסטאָרישן רעאַליזם, קעגנשטעלנדיק
…אַלע מאָל די ווירקלעכקייט פונעם קאַפּיטאַליזם צו דער אויסטראַכטעניש פון די
…ביז-קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונגען" (לענין, באַנד II, ז. 324 „פון וואָסער ירושע זאָגן מיר
…זיך אָפּ"). אַזוי אַרום איז אַנטשטאַנען די שיינע-שיינדל-פיגור אין דעם ווערק, וואָרעם
…שאָלעם-אַלייכעם קריטיקירט מענאכעם-מענדלען פון די פּאָזיציעס פון שיינע-שיינדלען, פון
…די פּאָזיציעס פון „דער אויסטראַכטעניש פון די ביז-קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונגען".

געוויס איז שאָלעם-אַלייכעמס באַציִונג צו שיינע-שיינדלען אַ סטירעדיקע, ווי ס'איז
…סטירעדיק זײַן באַציִונג צו טעוויען. שיינע-שיינדל איז בּיכלאַל נעענטער צו טעוויען, ווי
…צו מענאכעם-מענדלען, און אין ביידן קומט צום אויסדרוק שאָלעם-אַלייכעמס „פּאָרור-
…טייל" אין דעם זינען, וואָס פּאַרגלײַכנדיק די ווירקלעכקייט פונעם קאַפּיטאַליזם מיט די
…ביז-קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונגען, הויבט ער אָן אידעאַליזירן דידאָזיקע אָפּגעשטאַנענע
…אַלט-פרענקישע צושטאַנדן, שאַפט אַפּ זייער מאַטעריאַל עפּעס אַן אידילישע „אויסטראַכטע-
…ניש". אָבער אויך דאָ וואַכט שאָלעם-אַלייכעמס „אורטייל", און איינצײַטיק מיט דער גלאָ-
…ריפיקאַציע פון טעוויעס און שיינע-שיינדלס לעבנס-פילאָסאָפיע קומט דאָס אויסלאַכן זיי
…פון שטאַנדפּונקט פון זייער פּאַרעלטערטקייט, הינטערשטעליקייט. געוויס איז טעוויע קאָמ-
…פּליצירטער, איידעלער, מער דענקער ווי שיינע-שיינדל, ער ווערט טאַקע ווײַניקער
…אויסגעלאַכט און מער גלאָריפיצירט. בײַ טעוויען לאַכט אויס שאָלעם-אַלייכעם ספּקאָלסאָפּ
…ניטוועוּנטלעכע מאָמענטן, אין גרונט אָבער סאָלידאַריזירט ער זיך מיט אים און פילט אים
…מיט. איבער שיינע-שיינדלען לאַכט ער קעסיידער, ער פּאַרשפּיצט אָבער קיינמאָל ניט זײַן
…געלעכטער ביז אַ סאַטירע, ער כוּיזעקט פון איר קיינמאָל ניט אָפּ. ער לאַכט אויס איר

פראָווינציאַליזם, איר קלײנשטעטלדיקע אָפּגעשטאַנענקײט און נאַיװקײט, אירע ייִדענע-
מידעס, אשטייגער, איר אײפּערזוכט, די קלאַסישע קינע צו בלומע-זלאטען, איר באַריידעװ-
דיקײט, װאָס איז פול אלאָגיזמען—דאָס איז אָבער א גאנצ אומשולדיקע קריטיק, װאָס איז
נעגײע אױבערפלעכלעכע און ניט װעזנטלעכע כעסרױנעס. און װאָס װערט קאָמפּענסירט
דורכן אונטערוקן גלײַך און גלײַכצײַטיק א רײ רײנװאשנדיקע סימפּאטישע שטריכן אין
מײַלעס: די קלאָלעס, מיט װעלכע זי באשיט דעם מאנ, שטרײַכן אין טאָכ בלויז אונטער
איר הײסע ליבע צו איר „מענדלען"; איר קעסײדערדיקע גרינגשעצנדיקע באציִונג צו מע-
נאכעם-מענדלס געשעפטן מינערט ניט און פארשטעלט ניט דעם פּאטריאַרכאַלישן דערע-
כערעצ, װאָס זי האָט צום מאנ, דעם מאנצביל; מענאכעם-מענדלס דורכפאלן ברענגן ניט
איר איבערצײַגונג, אז איר מענדל איז דער קליגסטער און געבילדעסטער מענטש אין דער
װעלט; איר פארביטערונג באקומט אַן אױסטײַטשונג אין די שװערע באדינגונגען פון איר
עקזיסטענצ; און די פארגרעבטע קלײנשטעטלדיקע ייִדענע מיט די אײביקע קלאָלעס איז
זידלערײַען געפינט גראָד אין די מינוטן פון קראַכ און קאטאסטראָפע די פּאָשעטסטע
אײדלסטע טרײסט-װערטער. אפילע אין אָט דעם באשרענקטן געביט פון קריטיק גײט אלזא
שאָלעם-אלײכעם אריבער טײקעף צו אַפּאָלאָגיע, און פון דעם מישפּעט גײט ארױס שײנע-
שײנדל א זיגערן, װי א טרעגערן פון אלע פּאטריאַרכאלע „גוטע מידעס": פאנאטישע ליבע
צום מאנ און צו די קינדער, אומבויגזאמער לעבן-װילן, ניט געבראָכענער אָפּטימיזם.

װיכטיקער איז אָבער פעסטצושטעלן, אז אין דער גרונט-פראגע—אין דער באציִונג
צום מענאכעם-מענדעליזם—סאָלידאריזירט זיכ שאָלעם-אלײכעם פולשטענדיק מיט שײנע-
שײנדלען און מיט איר „אידעאָלאָג"—דער אין פּראָפיל געגעבענער מאמען. די פיגור פון
שײנע-שײנדלען װערט טאקע בעקיװן ארײַנגעפירט, קעדײ דורכן מויל פון דער קאסרי-
לעװקער ייִדענע פאָרמולירן שאָלעם-אלײכעמס אײגענע שטעלונג, זײַן אײגענע קריטיק פון
נעם מענאכעם-מענדעליזם. דאָ טריִומפירט שוין שײנע-שײנדל ענדגילטיק און אָן קײן שום
װידערשטאנד: אירע געװיִעס װערן מעקוײעם א האָר זאָל פעלן, אירע כאראקטעריסטיקעס
פון מענאכעם-מענדלס געשעפטן און פון די מענטשן, צװישן װעלכע ער דרײט זיכ, טרעפן
אין סאמע פּינטל, כאָטש זײ װערן געגעבן פון דער װײַט, פון דער טיפער קאסרילעװקער
העק. זי איז דער אנטיפּאָד פון מענאכעם-מענדלען: אױב מענאכעם-מענדל רײַסט זיכ פאָ-
רויס צו אלץ נײַע גליקן—איז זי פארשטארט—פארגליװערט, זיצט װי א װאָרעם אין קא-
סרילעװקער כריין און מײנט, אז זיסער איז שױן ניטאָ; אױב מענאכעם-מענדל איז פאר-
שיקערט פון דער גרױסשטאָט, איז גראָד יעהופּעצ און אָדעס פאר שײנע-שײנדלען א קװאל
פון מוירע און אומצוטרױ; מענאכעם-מענדל איז פארשיקערט, זי איז ניכטער, ער איז
גלױביק—זי איז פול אומצוטרױ צו מענטשן, ער איז אָפּטימיסטיש—זי איז קריטיש, ער איז
א פאנטאסט—זי איז פראקטיש-אױסגערעכנט. מענאכעם-מענדל האָט שױן פּאָליטישע אין-
געזעלשאפטלעכע אינטערעסן, ער אינטערעסירט זיכ שױן מיטן ציִעניזם, מיטן דרײפוס-
פּראָצעס,—שײנע-שײנדל איז בלויז נײַגעריק, און פרעגט זי װעגן װאָס מענאכעם-מענדלען,
אשטײגער, װעגן דעם זעלביקן דרײפוס, פילט איר, אז שױן מיטן שטעלן די פראגע איז
זי באפרידיקט, אז דער ענטפער איז שױן ניט אזױ װיכטיק, װאָרעם איר אינטערעס גײט
ניט אין דער טיפ. מענאכעם-מענדל פארגעסט שױן װעגן װײַב און קינד, און ס'קומט דאָ
צום אױסדרוק יענע אָפּשװאכונג פון די פאמיליע-בונדן, װעלכע ס'טראָגט ארײַן דער קא-
פּיטאליזם; שײנע-שײנדלס גאנצע װעלט איז פארשלאָסן אין די שמאָלע ראמען פונעם
מישפּאָכע-לעבן. און גראָד אָט אָ די פאר-קאפּיטאליסטישע, אלטפרענקישע קאָנסערװאטיװ-

ייס האָט שאָלעם-אַלייכעמען גלאָריפיצירט, אויסגעשטעלט זי ווי די שטים פון דער פאָלק-
כאָכמע, פון דעם פאָלקס-סייכל. פאַראַנ ערטער, ווו שיינע-שיינדל דערהויבט זיך שוינ צו
ג גאַנצער פילאָסאָפיע, און דאָנ איז עס ניט עפּעס אַנדערש, ווי טעוויעס פילאָסאָפיע:
אינ וואָס דו זאָגסט מעקוייעך שטאַרבנ, כאָכעם איינער, ביזט דו אַ גרויסער נאַר: אַ מענטש
נעמט זיך ניט אַליינ דאָס לעבנ, אַ מענטש נעמט זיך ניט אַליינ דעם טויט. און אַז מע
יערט אָנ דאָס נאָדנ, באַדאַרף מענ זיך שוינ טאַקע אַ מײַסע אָנטאָנ? דו נאַר איינער, ווו
טייט עס דענ אָנגעצייכנט, אַז מענאַכעם-מענדל באַדאַרף האָבנ געלט? און מיט געלט
איז מענאַכעם-מענדל דענ ניט דער אייגענער מענאַכעם-מענדל, וואָס אָנ געלט? שויטע, דו
ילסט גיינ קעגנ גאָט? זעסט דאָך, אַז ער הייסט ניט, הײַנט וואָס פּילדערסטו? אַ שיינע,
יינע קאַפּאָרע!.. דעריקער זאָלסט ניט זײַנ קיינ ייִדענע, מענדל!" דער זינ איז ניט עפּעס
אנדערש, ווי טעוויעס געדאַנקענ-גאַנג, און עס איז שאָלעם-אַלייכעמס באַקאַנטע ביטאָכנ-
פילאָסאָפיע: דאָס קליינבירגערטום וועט באַשטיינ אויך „אָנ געלט", אָנ די קאַפּיטאַליסטישע
ליקנ, עס וועלנ אים ניט אײַנברעכנ קאָלערליי צאָרעס—און אַגעוו איז פאַראַנ „אַ שטאַר-
קער גאָט". עס איז נאַטירלעך ניט מער ווי שהרוים-פּאָליטיק, דידאָזיקע ביטאָכנ-„פילאָ-
סאָפיע", דאָס דאָזיקע פאַרשטעקנ דעם קאָפּ אינעם זאַמד פונ „פאַרקאַפּיטאַליסטישע אויס-
טראַכטענישנ" אַבי ניט צו זענ די צאָרעס, וואָס ס'טראָגט מיט זיך דער קאַפּיטאַליזם. מיט
יאָרנ פריער האָט אָט דעם קלעריקאַל-קאָנסערוואַטיוונ „ביטאָכנ" ביטער אויסגעלאַכט אינ
זײַנע „מאַסאָעס" דער ראַדיקאַלער מאַסקיל מענדעלע: „ביטאָכנ, ביטאָכנ, סענדערל! בי-
טאָכנ איז אַ ייִדישע זאַך, מיט ביטאָכנ זעסטו, עפּענעס דאָ ייִדישע קינדער אויפ גרויסע
...דלעבנ"... דאָס איז געווענ באַם באַגינענ פונעם קאַפּיטאַליזם. עס זײַנענ אָבער אַוועק
...לעכע יאָרצענדליקער, און וואָס פּוסטער ס'זײַנענ געוואָרנ די פּאָליצעס פונ די געוועלבנ,
...ץ שטאַרקער זײַנענ געוואָרנ דאָס ביטאָכנ-זוכעניש, דער „נאַדריוו"-אָפּטימיזם אינ דער
בורזשואַזער ייִדישער ליטעראַטור.

שיינע-שיינדלס „פילאָסאָפיע" פּראָקלאַמירט, אַלזאָ, שאָלעם-אַלייכעם, ווי די שטים פונ
דער פאָלק-כאָכמע, אירע פּ אָ ר ו ר ט ײ ל נ—ווי דעם אויסדרוק פונעם געזונטנ סייכל, דעם
...ורטײל פינ די פאָלקס-מאַסנ,—און ניט אומזיסט זײַנענ שיינע-שיינדלס בריוו פול מיט
...ערופונגענ און ציטאַטעס גענומענ באַ דער מאַמענ, וואָס אָפּעריִרט ווידער קימאַט אויס-
...ליסלעך מיט פאָלק-ווערטלעך און פאָלק-שפּרוכנ. גראָד אָבער די דאָזיקע אַפאָריזמענ
...נטפּלעקנ קלאָר און בולטעט, וואָס פאַר אַ „פאָלק" קומט דאָ צום אויסדרוק: „פונ לופט
...אַט מענ אַ פאַרקילונג"; „האָב אינזינענ זיך, וועסטו פאַרגעסנ אינ יענעם"; „שנײַצ די
...אָז-שמיר דעם פּאָנעם"; „אַז מע האָט ניט קיינ פינגער, קאָנ מענ קיינ פײַג ניט שטעלנ";
...אַז מע לייגט אַרײַנ קאַדאָכעס, נעמט מענ אַרויס אַ קרענק"; „ווער עס פאַרשטייט ניט
...אַפּנ ווונק, דעם גיט מענ מיט אַ שטעקנ"; „כאַפּ אויס די יאַרמלקע מיט ניס און אַנטלויפ";
...קאָלומאַנ דאָס געלט איז אַפּנ פּאַפּיר, איז עס פּאַפּיר"; „זיצ אינ דערהיים, וועסטו ניט
...צערײַסנ קיינ שיך"; „אַ נעמעראָווער איז ניט קיינ געבעראָווער, און אַ גוטער ברודער
איז נאָר ביז צו דער קעשענע"; „ראָשכוידעש עלעל גייט אַוועק, און באַלעבאָס בלײַבט
באַלעבאָס"; „קוש דעם קאַנטשיק, וואָס שמײַסט דיך".[1] עס איז ניט די שטים פונעם פאַר-
...ניטערטנ האָרעפּאַשניק, וואָס קומט צום אויסדרוק אינעם שלאַל אַנטיקלעריקאַלע און
אַנטי-קאַפּיטאַליסטישע שפּריכווערטער, און ווו מיר געפינענ אַגעוו אַ גאַנצ בײַסיקע באַציונג

[1] לויטנ קאָנטעקסט איז עס אַ פּאָזיטיווע פאָדערונג פונ האַכנאָע, ניט איראָניע.

צו שיינע־שיינדלס גאָט־ביטאָכנ (אשטייגער: „גאָט ווט העלפנ, נאָר ווי העלפט גאָט ני
גאָט ווט העלפנ?״) עס איז נים יענער קוואל פונ האָרעפאשנעם פראָטעסטאנטישנ פאָלק
לאָר, פונ וועלכנ ס'שעפט אשטייגער בערגעלסאָנס ראכמיָעל דער שוסטער. דער מאכט
ווערטלעכ — דאָס איז די קאפּצאָנישע, עגאָיסטישע כיטרע, מעשטשאניש־זאטע, זעלבסטצו
פרידענע פילאָסאָפיע פונעם באלעגופל, פונעם פעסטנ „כאָזאיטשיק״.

אָטאָ דאָס איז דער לאָגישער סאָפ פונ דער קליינבירגערלעכער קריטיק פונעם קאפי
טאליזם. אנטלויפנדיק צו דער אוטאָפיע פונ פארקאפיטאליסטישע פאטריארכאלע פארהעל
טענישנ, גלאָריפיצירנדיק זייער אָפגעשטאנענקייט, קייקלט זיכ אראָפ דער קליינבירגערלע
כער קריטיקער סאָפקאָלסאָפ צו דער ראָלע פונ אנ אדוואָקאט פונעם באלעגופ, פונעם
„פעסטנ באלעבעסל״. זיינ דעמאָקראטיזם ווערט צעשוומענ אינ ליבעראלער בורזשואזער
דעמאָקראטיע.

מאקס עריק

# מענאכעם-מענדל

## געשטאלט און מעטאָד

## צווייטער קאפיטל: מעטאָד [1]

### 8.

שאָלעם־אלייכעמס סאטירע אפ מענאכעם־מענדלענ און אפנ מענאכעם-מענדליזמ האָט איַנגעהיט איר פראָגרעסיווע געזעלשאפטלעכע באַדיַיטונג און איר אקטועלקיַיט ביזנ היַינ־טיקנ טאָג. דאָס איז נעגייע ניט נאָר די קאפיטאליסטישע לענדער, ווו די מענאכעמ־מענדלס פירנ זייער מאטעריעלע און גיַיסטיקע עקזיסטענצ קימאט אינ די זעלביקע פאָר־מעס, וואָס ס׳האָט געשילדערט שאָלעם־אלייכעמ, און ווו דער מענאכעמ־מענדליזמ האָט סיַידנ אָנגענומענ נאָכ א שארפערנ כאראקטער אינעמ פעריאָד פונ אלגעמיינעמ קריזיס פונ דער גאנצער קאפיטאליסטישער סיסטעמ. אינעמ ראטנפארבאנד, ווו ס׳קומט פאָר אונטער דער אָנפירונג פונ דער פארטיי און פונעמ כ׳ סטאלינ די ענדגילטיקע ליקווידא־ציע פונ די קאפיטאליסטישע עלעמענטנ און קלאסנ ביכלאל און ס׳ווערנ פארניכטעט אינ־גאנצנ די סיבעס, וואָס געבוירנ די קלאסנ־אונטערשיידנ און די עקספלואטאציע, איז פאר־שווּנדנ יענער עקאָנאָמישער באָדנ, וואָס האָט געשפּיַיזט די מענאכעמ-מענדלס. עס שטייט אָבער פאר אונדז די אופגאבע ביַיצוקומענ די רעשטלעכ פונעמ קאפיטאליזמ ניט נאָר אינ דער עקאָנאָמיק, נאָר אויכ אינעמ באוווסטזיַינ פונ די מענטשנ — און דאָ וועט נאָכ היפּש אויסקומענ פירנ א קאמפ מיטנ מענאכעמ־מענדליזמ אינ דער פאָרמ פונ פארשיידענער פראַזשעקטעריַי, סאָפיסטיק, פלאפלעריַי, אידייִשער קונצנמאכעריַי. די סאָוועטישע ליטע־ראטור דארפ אופמערקזאם נאָכפאָלגנ און דעמאסקירנ די ניַיע פאָרמעס, וואָס דער מענא־כעמ־מענדליזמ קאָנ אָנעמענ אינ אונדזערע באדינגונגענ. זי דארפ געבנ א ניַיע קריטיק פונ די קליינבירגערלעכע איליוזיעס אינ די קאפיטאליסטישע לענדער, אָבער דאָס דארפ זיַינ א בעעמעס ניַיע קריטיק, א קריטיק פונ די פּאָזיציעס פונעמ סאמע רעוואָליוציאָנערנ קלאס פונ דער וועלט־געשיכטע, א קריטיק פונ די פּאָזיציעס פונעמ פראָלעטאריאט, פונ מארקסיזמ־לעניניזמ. ענלעכ האָט כ׳ דימיטראָוו אינ זיַינ רעדע אפנ אנטיפאשיסטישנ אָוונט בא די מאָסקווער שריַיבער דעמ 28־טנ פעווראל, 1935 י. געזאָגט: „אינ איר ציַיט

[1] דער ערשטער טייל פונ כ׳ עריקס ארבעט „מענאכעמ-מענדל" איז געדרוקט אינ „שטערנ" נומ. 5—6 פונ ר. י.

האָט די רעװאָליוציאָנערע בורזשואַזיע געפירט א העפטיקן קאמף פאר דער זאך פון איר
קלאס, מיט אלע מיטלען, דערינ אויך דורך דער שיינער ליטעראטור, װאָס האָט געמאכ
צום אלגעמיינעם געלעכטער די רעשטן פונ דער ריטערשאפט? סערוואנטעסעס „דאָנ
קיכאָט". „דאָנ־קיכאָט" איז געװענ דער שטארקסטער װאָפנ אינ די הענט פונ דער בור
זשואַזיע אינ איר קאמף קעגנ דעם פעאָדאליזם, קעגנ דער אריסטאָקראטיע. דער רעװאָלי
ציאָנערער פראָלעטאריאט דארפ האָבנ לעכאָלהאפאָכעס איינ איינציקנ קליינעם סערוואנטעס
געלעכטער), װאָס זאָל אים געבנ אנ ענלעכנ װאָפנ אינעם קאמפ".

די מענאכעם־מענדל־געשטאלט פארדינט אָבער אונדזער אויפמערקזאמקייט אונ היט אינ
איר װאָג אונ באדייטונג נאָך פונ אנ אנדער שטאנדפונקט—נעמלעך, פונ שטאנדפונקט פונ
דעם אויפנ, װי זי איז געשאפנ געװאָרנ, פונ שטאנדפונקט פונעם שעפערישנ מעטאָד
װאָס האָט געבראכט שאָלעם־אליינכעמענ צו אזא גרויסנ קינסטלערישנ זיג. מענאכעמ
מענדל איז א מייסטער־װערק פונ קריטישנ רעאליזם, אונ יארשענענ דאָס דאָזיקע װערק
באדייט אויך קריטיש יארשענענ אונ באהערשנ יענע קינסטלערישע דערפארונג פונ
א גרויסנ מייסטער, װאָס איז אינעם װערק רעאליזירט געװאָרנ. עס איז א ביז־גאָר װיכ
טיקע אונ אקטועלע אויפגאבע אינ שייכ פונ דער פאָרמולירונג, װאָס די פארטיי אונ פער
זענלעכ כ׳ סטאלינ האָבנ געגעבנ דעם סטיל פונ דער סאָציאַליסטישער ליטעראטור, װי
א סטיל פונ סאָציאַליסטישנ רעאליזם. פאָרשטעלנדיק מיט זיך א פראָדוקט פונ אונדזער
סאָװעטישע סאָציאַליסטישע געזעלשאפטלעכע פארהעלטעניש, איז אָבער גלייכצייטיק דער
סאָציאַליסטישער רעאליזם א רעזולטאט פונ דער גאנצער ביז איצטיקער קינסטלערישער אנט
װיקלונג פונ דער מענטשהייט, דער יורעש פונ די גרעסטע אונ בעסטע דערגרייכונגענ פונ דער
װעלט־ליטעראטור, דערינ אויך פונ אזא גרויסער ליט. דערגרייכונג, װי דער בורזשואזער רעא
ליזם. עס איז, אלזאָ, ביז גאָר װיכטיק קלאָר צו מאכנ, װיאזוי איז געשאפנ געװאָרנ די
געניאַלע מענאכעם־מענדל־טיפיזאציע?

דער פאָרמאליזם האָט, װי באקאנט, זיך שטארק געפאָרעט ארום ענלעכע פראגנ,
אונ אזוי ארום זײַנענ אנטשטאנענ, צ. ב., שקלאָווסקיס באקאנטע ארבעטנ אונטערנ ביז
גאָר כאראקטעריסטישנ טיטל: „װי איז געמאכט געװאָרנ „דאָנ־קיכאָט", „װי איז געמאכט
געװאָרנ גאָגאָלס „שינעל"? אָפרייסנדיק אָבער לאכלוטנ די פאָרם פונעם אינהאלט, איגנאָ
רירנדיק דעם אידייִש־סאָציאַלנ באטײַט פונעם װערק אונ פונ זײַנ געשטאלטנ־סיסטעמ,
האָט דער פאָרמאליזם אומגעהײַער פארפלאכט די גאנצע פראָבלעם־שטעלונג. ער האָט
דערנידעריקט דעם קינסטלער, דעם מייסטער, פארוואנדלענדיק אים אינ א מינ באלמע
לאָכע, אינ א מינ פלינקנ צושנײַדער, אונ דער אווטער פונ דער דערציילונג „שינעל",
װעגנ װעלכער ס׳איז געזאָגט געװאָרנ, אז „פונ איר איז ארויס די גאנצע מאָדערנע רו
סישע ליטעראטור", איז פארוואנדלט געװאָרנ אינ א מינ פעטראָװיטש, יענעם שנײַדער
טאנדעטניק, װאָס האָט גענייט די שינעל פארנ קלאָגעדיקנ אקאקי־אקאקיעװיטש. װי באַ
קאנט האָט זיך שקלאָווסקי דערעדט אפילע צו אזא „געניאַלנ" געדאנק, אז די גאנצע
געשטאלט פונ דאָנ־קיכאָט פארמאָגט בלויז א סיוזשעטישנ כאראקטער אונ איז ארײַנגע
בראכט געװאָרנ, קעדיי צוזאמענ־צונייענ די איינצעלנע עפיזאָדנ אונ נאָװעלעס אינעם
װערק[1]). ער איז ענלעך, דער פאָרמאליסט, צום קינד, װאָס רײַסט אופ דעם קלאָטיר,

[1]) „Тип Дон-Кихота, так прославленный Гейне и разсмысленный Тургеневым, не есть первоначальное задание автора. Этот тип является как результат действия построения романа". „Теория прозы", 69.

רעדל קלאָר צו מאַכן, וויאַזוי שפילט עס — און דער דערפאָלג איז דער זעלביקער — דער קלאַוויר ווערט כאָרעוו, און ס׳בלײַבן בלויז שטיקלעך האָלץ און סטרונעס. „דאָן־קיכאָט", „שינעל" צעפאַלן זיך אַפ אַ ריי אָפגעזונדערטע קונסט־מיטלען, עס ווערן פאַרצייכנט די אָדער יענע טעכנישע דעטאַלן. צונויפגענומען זיי אָבער צוריק, סינטעזירן, דערקלערן קאָן ניט דער פאָרמאַליסט צוליבן גרונט־דעפעקט פון זײַן בורזשואַז־טעכניציסטישן מעטאָד, וואָס רײַסט אָפ דעם קינסטלער פון זײַן אידיי, פון זײַן געזעלשאַפטלעכער ציל־אײַנשטעלונג.

די דעטאַלע אויספאָרשונג פון דעם שרײַבערט קינסטלערישע מיטלען איז נויטיק און ניצלעך, זי וועט אָבער גאָרניט געבן, אויב ס׳וועט ניט געלייגט ווערן אין יעסאָד די אויספאָרשונג פון די שעפערישע גרונט־אײַנשטעלונגען, די קינסטלערישע גרונט־פרינציפן אינעם שרײַבערס שאַפן, און דאָס זײַנען כמעט ניט נאָר קינסטלערישע, נאָר אידייִש־קינסטלערישע פרינציפן. אַזעלכע קינסטלערישע גרונט־פרינציפן זײַנען פאַרפיקסירט אויך אינעם מענאַכעם־מענדל־ווערק. און דאַן ווערט קלאָר, אַז באַוווסטזיניק אָדער א־מבאַוווסטזיניק איז שאָלעם־אַלייכעם נאָכגעגאַנגען די וויכטיקסטע און פרוכטבאַרסטע טיפיזאַציע־פרינציפן פון די גרויסע בורזשואַזע רעאַליסטן. באַוווסטזיניק אָדער אומבאַוווסטזיניק — וואָרעם שאָלעם־אַלייכעם האָט אָנגעשטרענגט און פלײַסיק זיך געלערנט בא די וועלט־קלאַסיקער. ער האָט געלייענט פיל, פלײַסיק און קריטיש. „ער איז ביכלאַל געווען אַ דאָרשטיקער לעזער — זאָגט איידעס בערקאָוויטש — נאָר מיט אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט האָט ער זיך געהאַלטן צו זײַן נאָענסטן געביט — צום הומאָר. ער האָט געלייענט אַלע הומאָריסטן און סאַטיריקער פון דער וועלט־ליטעראַטור, פון סערוואַנטעס, סוויפט, דיקענס, גאָגאָל און שטשעדרין, ביז מאַרק־טווען, דזשעראָם ק. דזשעראָם און טשעכאָוו" (שאָלעם־אַלייכעם־בוך, 188). ש. א. האָט באַזונדערס הויך געשאַצט גאָגאָלן און טשעכאָוון, און ניט געקאָנט פאַרטראָגן אַווערטשענקאָן, און וועגן הומאָריסטן פון דעם שניט פלעג ער זאָגן, אַז „דאָס זײַנען טיפשים, וואָס האָבן גענומען אַפ זיך אַ פאָדריאַד אַפן גאַנצן לעבן צו כאָכמען זיך" (דאָרט, 189). ענלעך פלעגט ער וועגן די היימישע ווענדראָוואָס און זייערע „הומאָרעסקעס" זאָגן: נו, איצט וועט שוין ניט העלפן קיין טײַנעס. ווײַבאַלד עס שטייט בעפירעש „הומאָרעסקע" — וועט מען שוין מוזן לאַכן". אָדער „ער האָט פאַרזוי־שטעלט דעם הומאָרעסקע־שרײַבער, ווי ער זאָגט צום לעזער מיטן הארבן וואָרט: לאַך, באַמזער! אַ ניט גיב איך דיר אָט דאָ מיט אַ „הומאָרעסקע" איבערן קאָפ"... (דאָרט).

די פראָבלעם פון ווירקונגען אַפ שאָלעם־אַלייכעמס שאַפן איז פאַר זיך זייער אינטערעסאַנט, און זי איז נאָך ביז איצט ניט באַאַרבעט געוואָרן. עס וואַרפט זיך, צום בײַשפיל אין די אויגן די ווירקונג פון גאָגאָלס „רעוויזאָר" אַפ שאָלעם־אַלייכעמס „יאַקנעהאָז", געוויסע שפורן פון דאָן־קיכאָט אין דעם מענאַכעם־מענדל־ווערק (שיינע־שיינדל ווי אַ מין סאַנטשאָ בענגייע מענאַכעם־מענדלען. אַגעוו, איז דער ערשטער פראָטאָטיפ פון שיינע־שיינדלס בריוו דער בריוו פון סאַנטשאָס ווײַב צו אים, בעשאַס סאַנטשאָ איז קלאָמערשטער גובערנאַטער פון אַ קלאָמערשטן אינדזל. אינעם בריוו פון סאַנטשאָס ווײַב פיגורירט שוין די שוויגער מיט אירע ווערטלעך, און די דאָרפישע נײַעס אַנטשפרעכן שיינע־שיינדלס קאַסריליעווקער נײַעס). עס האָט נאָך קיין שום פאָרשער ניט פאַרצייכנט, אַז שאָלעם־אַלייכעמס „מאָטל דעם כאַזנס" געפינט זיך (אין די ערשטע קאַפיטלעך) אונטער דער שטאַרקסטער ווירקונג פון קאָנאָפניצקאַס „אונדזער קליאַטשע" (נאַשאַ שקאַפאַ). אָבער נאָך וויכטיקער איז פעסטצושטעלן יענע שעפערישע פרינציפן פון די גרויסע

רעאַליסטן, וואָס זײַנען אַרײַן אין בלוט פון שאָלעם־אַלייכעמס קונסט. ביז גאָר באַלערנדיק איז דאָ דאָס שטעלן שאָלעם־אַלייכעמען אויג אָפּ אויג מיט באַלזאַקן — צוליב אַסאַך טעמים: אי ווײַל באַלזאַק האָט אַכוץ דער אומגעהייערער פּראַקטיק פון זײַנע 3000 טיפּן דערין, צענדליקער פון געוואַלטיקער פּאַראַלגעמיינערונג־קראַפט, איבערגעלאָזן אויך אַ ריי וויכטיקע טעאָרעטישע אַרויסזאָגונגען וועגן דעם מעטאָד פון טיפּיזירן אי און דערהויפּט, ווײַל ס'איז באַלזאַק, דער גרויסער קענער פון אָט דעם פאַך, וועמעס קונסט איז „אַ שריט פאָרויס אין דער קינסטלערישער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהײַט" (נוצנדיק לעניס אויסדרוק וועגן טאָלסטאָיען).

איז אָט, באַלזאַק האָט דעם טיפּ פאָרמולירט, ווי „די אידיי, וואָס איז געוואָרן פּערסאָנאַזש". אַפּן ערשטן בליק קאָן זיך אויסדוכטן, אַז באַלזאַקס פאָרמולירונג טראָגט אַן אויסגעשפּראָכן אידעאַליסטישן כאַראַקטער, אַז ס'וועלן זיך אונטער איר טייקעף און אָן קיינע באַוואָרענישן אונטערשרײַבן אויך די סימבאָליסטן, אַז זי אַנטשפּרעכט ניט בלויז צו אַזעלכע געשטאַלטן, ווי שיילאָק אָדער ראַסטיניאַק אָדער מאַנילאָוו אָדער מענאַכעם־מענדל, נאָר אויך צו הויפּטמאַנס היינריך פונעם „פאַרזונקענעם גלאָק" אָדער פּערעצעס שלוימע און פּינכאָס פון דער „גאָלדענער קייט". די גאַנצע זאַך באַשטייט אָבער אין דעם, וואָס בײַ די סימבאָליסטן איז די אידיי ניט געוואָרן פּערסאָנאַזש, וואָס בײַם סימבאָליסט ווערט אָפּ דער אידיי גיך־גיך קוים אָנגעוואָרפן אַביסל לעוווש, און עס לײַכט פאָרט דורך קעסיידער איר נאַקעטע און אַבסטראַקטע לײַב, אַזוי צו זאָגן, (וואָרעם די סימבאָליסטישע אידייע האָט אין טאָך קיין לײַב ניט, קיין בלוט און פלייש). ניט נאָר די פּאַרהעלטענישן זײַנען אין דער „גאָלדענער קייט" אָדער אינעם „פאַרזונקענעם גלאָק" ניט טיפּיש, נאָר אויך די כאַראַקטערן זײַנען ניט טיפּיש: שלוימע און פּינכאָס זײַנען כסידישע צאַדיקים, זיי האָבן אָבער מיטן זעלביקן דערפאָלג געקאָנט זײַן קינסטלער, אינזשעניערן, דאָקטוירים, געלערנטע, — און דאָרט, ווו די פּאַרהעלטענישן זײַנען ווינציק יאָ אין דער „גאָלדענער קייט" טיפּיש און רעאַל (אַשטייגער, דער גאַנצער קאָמפּלעקס לייע — דר. בערגמאַן), האָט עס צו די גרונט־פיגורן, צו שלוימען און פּינכאָסן, קיין שום שײַכעס ניט. וועגן באַלזאַק פאָדערט אידייִשקײַט פונעם פּערסאָנאַזש, שטרײַכט ער אונטער, אַז דער טיפּ, קעדיי ער זאָלווירקלעך זײַן טיפּ, מוז זײַן אָנגעלאָדן און אָנגעזעטיקט מיט פּראָבלעמאַטיק. די דאָזיקע פּראָבלעמאַטיק דאַרף אָבער אַנטשפּרעכן ברייטע סאָציאַלע באַדערפענישן, זי דאַרף פאָרמולירן די זוכענישן און פאָדערונגען פון דער עפּאָכע. די גרויסקײַט פון ראַבלע, סערוואַנטעס, געטע האָט באַלזאַק געזען אין דעם, וואָס זיי „האָבן טאָמיד געפאָרשט דעם צושטאַנד פון דער אַטמאָספער פון מענטשלעכן וויסן; וואָס זיי האָבן, אַזוי צו זאָגן, געפילט דעם גײַסט, געטאַפּט דעם פּולס פון זייער עפּאָכע, געפילט איר קראַנקהײַט, אָבסערווירט איר פיזיאָנאָמיע, דערלערנט איר שטימונג. זייער בוך אָדער זייער פּערסאָנאַזש זײַנען געווען אַ גלענצנדיקער און הילכיקער רוף, אָפּ וועלכן ס'האָבן אין געגעבענעם מאָמענט געענטפערט די מאָדערנע אידייעס, די שאַריענדיקע פאַנטאַזיעס, די נאָך ניט פאָרמירטע לײַדנשאַפטן"... דעם טיפּ באַנעמט אַלזאָ באַלזאַק דיאַלעקטיש סײַ ווי אַ פּראָדוקט פון באַשטימטע סאָציאַלע נויטן, סײַ ווי אַ מיטל צו אָרגאַניזירן און געבן אַ פאָרם־אויסדרוק די דאָזיקע נויטן.

באַלזאַק קעמפט פאַר דער מאַקסימאַלער אידייִשער פּראָבלעם־אָנגעלאָדונג פונעם טיפּ, און זײַן פאָרמול איז פריִער פאַר אַלץ געווענדעט קעגן דעם קריכנדיקן עמפּיריזם אין דער קונסט, קעגן ריין באַשרײַבערישן רעאַליזם, אָן גרעסערע פּאַראַלגע־

מיינערונגען, אָן גרעסערע אידייִשע האָריזאָנטן. באַלזאַק קעמפט קעגן דער שטייגעריסטישער טראַקטירונג פון דער געשטאַלט, קעגן דער שטאַרק פאַרשפּרייטער מיינונג, אַז בלויז דאָס שטייגערישע ראַטעוועט דעם פּערסאָנאַזש פון אַבסטראַקטקייט און סכעמאַטיזם. דאָס ווערט קלאָר פונעם גאַנצן קאָנטעקסט: „כ׳בין זיך אָפּן מודה: „זשיל בלאַז“ מאַכט מיר לויט זײַן פאָרם: דאָס אָנוואַלגערן אידייען און פאַקטן אַנטהאַלט אין זיך עפּעס אומפּרוכטבאַרעס. פאַרן מער הויכן באַוווּסטזײַן איז כאַראַקטעריסטיש די אידיי, וואָס איז געוואָרן פּערסאָנאַזש“. פאַרן ביז־באַלזאַקישן רעאַליזם זײַנען טאַקע כאַראַקטעריסטיש צוויי שילדערונג־ליניעס: איינע א שטייגעריש־באַשרײַבנדיקע, און דאָ געהערן צום בײַשפּיל, באָקאַטשיאָס „דעקאַמעראָן“, די פּילצאָליקע זשוליקעס־ראָמאַנען פונעם שפּאַנישן „לאַסאַריליא פון טאָרמעס“ ביז דעם „זשיל־בלאַז“ פון לעסאַזש און סמאָלעטס „פּערעגרין פּיקל“ — ראָמאַנען, וואָס האָבן געגעבן א ברייטע שטייגער־שילדערונג, אָבער שטאַרק עמפּיריש, באַשרײַבעריש, אָן דער קאָנצענטרירונג אין מעכטיקע טיפּיזירטע כאַראַקטערן, — און א צווייטע, וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט אַף דער פּראָבלעם־שילדערונג, — די ליניע פון סערוואַנטעס, שעקספּיר, געטע. „קעניג ליר“ איז שטייגעריש ביז גאָר אָרעם, און דאָך איז עס א ביז גאָר פולבלוטיקער טיפּ. „דאָן־קיכאָט“ קומט פאָר ערגעץ אַף די הינטער־הויפן פון דער שפּאַנישער געזעלשאַפט פון 16־טן יאָרהונדערט, דאָ, פעלט קימאַט אינגאַנצן די שטאָט, די אַקציע קומט פאָר אין פאַרוואַלגערטע קרעטשמעס, ווילדע בערג, ווײַטע אָן א זײַט וועגן, דאָ פעלט קימאַט אינגאַנצן דער קלער, די אינקוויזיציע (אינעם אולטראַ־קאַטוילישן שפּאַניע פון 16־טן י. ה.), דער מאַגנאַטן־שיכט (ניט געקוקט אַף דער הערצאָג־פּאָר), דאָס פּויערטום (ניט געקוקט אַף די פּאַסטעכער, וואָס זײַנען ס׳ראָוו איבערגעטאָנענע און צוגעפּוצטע פּייזאַנעס). דער גרויסער דערקענטעניש־ווערט פון „דאָן־קיכאָט“ בויט זיך ניט, ווי עס מיינט דער נאַיִווער רעאַליזם, אַף דער ברייטער שילדערונג פונעם שפּאַנישן לעבן אין דער רענעסאַנס־צײַט, וואָרעם אַזאַ מין שילדערונג איז דאָ ניטאָ, נאָר אַף דער טיפּיזאַציע פון דאָן־קיכאָטן און סאַנטשאָ־פּאַנסאָ. דער היסטאָרישער אופטו פון באַלזאַקן, זײַן באַדײַטונג אין דער וועלט־ליטעראַטור, ווי א שריט פאָרויס אין דער קינסטלערישער געשיכטע פון דער מענטשהײַט, באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט צונויפגעגאָסן ביידע ליניעס פונעם פריערדיקן בורזשואַזן רעאַליזם און סינטעזירט זיי מיט א געוואַלדיקער קראַפט: ער האָט אי געגעבן אין זײַנע „עטיודן וועגן די זיטן“ „די סאַמע מערקווירדיקע געשיכטע פון דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט פון זײַן צײַט“ (ענגעלס), אַזוי ווײַט, אַז ענגעלס האָט געהאַלטן פאַר מעגלעך פעסטצושטעלן, אַז ער האָט פון זײַנע ווערק געלערנט מער, ווי פון די ביכער פון אַלע פּראָפעסיאָנעלע היסטאָריקער, עקאָנאָמיסטן און סטאַטיסטיקער פון זײַן פּעריאָד, — אי ער האָט געשאַפן צענדליקער און הונדערטער טיפּן, — קאָנצענטראַטן און טרעגער פון דער פּראָבלעמאַטיק פון זײַן עפּאָכע. אַזוי אַרום ווערט שוין קלאָר אויך די היסטאָרישע ראָליע און די באַדײַטונג פון מענדעלען און שאָלעם־אַלייכעמען אין דער יידישער ליטעראַטור. די עלטערע האַסקאָלע־ליטעראַטור איז געווען ס׳ראָוו שטייגעריש, באַשרײַבעריש. אַקסנפעלדס מוסטער איז טאַקע געווען „זשיל־בלאַז“ מיט זײַן אָנוואַלגערן „אידייעס און פאַקטן“ (אויך אַקסנפעלד האָט פאַרפאַסט צוויי גרויסע „יידישע זשיל־בלאַזן“, וואָס זײַנען, ליידער צו אונדז ניט דערגאַנגען), און גרויסע טיפּיזירטע פאַראַלגעמיינערונגען האָט ניט געגעבן ניט עטינגער, ניט אַקסנפעלד, ניט פּערל, ניט ערטער, ניט גאָטלאָבער. די בעסטע געשטאַלט אין דער יידישער ליטעראַטור ביז די 60־קער יאָרן, עטינ־

גערס סערקעלע, איז נאָך אלץ מער פערסאָנאזש, ווי אידיי, זי איז שטייגעריש, פארמאָג
אָבער א נישטיקע פראָבלעם־אָנלאָדונג. אקסנפעלדס שטעטל „ניביוואלע” איז א שטייגער־
דיקער באגריף, ניט קיין פאראלגעמיינערטע געשטאלט, ווי קאבצאנסק אָדער קאסרילעווקע
מענדעלע און שאָלעם־אליי‌כעמ זײַנען אָבער געווען ניט בלויז שטייגער־שילדערער, זיי
האָבן באוויזן איינעם מיט א ברייטער שטייגער־באשרײַבונג פונעם לעבן פו
דער יידישער באפעלקערונג אינעם צארישן רוסלאנד פונ 19־טן יאָרהונדערט קאָנצענטרירן
איר פּראָבלעמאטיק אויך אין א ריי גרויסע טיפּיזירונגען, ווי קאבצאנסק
גלופּסק, בּיניאָמין, סענדערל, מענדעלע, קאסרילעווקע, מענאכעם־מענדל, טעוויע, שימעלע
סאָראָקער א. א. וו. אין דעם איז באשטאנען זייער גרויסער קינסטלע
רישער שריט פאָרויס, וואָס ס׳האָט אין זייער שאפן געמאכט די
יידישע ליטעראטור.

•

.9

דער פרייקער בורזשואזער רעאליזם פונ דעם טיפּ לעסאזש אָדער אקסנפעלד האָט
געהאט נאָך א שוואכקייט: ער האָט זיך באמיט געטרײַ און פלײַסיק קאָפּירן די ווירקלעכ
קייט, האָט אָנגעוואלגערט פאקטן אף פאקטן, דעטאל אף דעטאל, און ניט געוווסט דע
סאָד פונ אָפּקלײַב, פונ ארויסנעמען דאָס סאמע וועזנטלעכע אין דער ווירקלעכקייט
שילדערנדיק די פארשיידענע דעטאלן פונעם אמאָליקן יידישן שטייגער, פארשטייט נאָך
ביט אקסנפעלד, וואָס איז וויכטיק, און וואָס האָט ניט קיין וועזנטלעכע באדײַטונג. באלזאק
פלעגט צוליב דעם קרעפטיק אונטערשטרײַכן דעם מאָמענט פונ אָפּקלײַב: „דער גאנצער פו
א קינסטלער—שרײַבט באלזאק—באשטייט אינעם אָפּקלײַב פונ נאטירלעכע אומשטענדן
עס איז אָבער וויכטיק ניט נאָר ארויסנעמען דאָס סאמע וועזנטלעכע אין דער ווירקלעכ
קייט, נאָר אויך קאָנען דערווײַזן, אז דאָס איז טאקע דאָס סאמע וועזנטלעכע. „דער
פאקט—זאָגט באלזאק—דערקלערט זיך שוין דערמיט, וואָס ער עקזיסטירט; קעדיי אים
אריבערצופירן פונעם צושטאנד פונ לעבעדיקער האנדלונג אין דער ווארשײַנלעכער האנד
לונג פונעם בוך, ביז דער שרײַבער אונדז ווײַזן אלע זײַנע וואָרצלען”—דער פאקט ביז
אלזאָ, באקומען זײַנ געהעריקע סאָציאַלע מאָטיווירונג, די סיבע און דער רעזולטאט
מוזן געוויזן ווערן אין זייער דיאלעקטישער צוזאמען־ווירקונג. דאָס קאָן אָבער געמאכט
ווערן בלויז מיט די ספּעציפישע מיטלען פונ קונסט, און באלזאק ווערט ניט מיד איבער־
צובאזורן, אז דער קינסטלערישער עמעס פאלט ניט צונויף אין אלע פראָטים מיטן לעבנ־
עמעס. סײַ דער פאקט גופע, זײַנ מאָטיווירונג דארפן געגעבן ווערן מיט דער מאקסימא
לער העלקײַט און אויסשעפּנדיקײַט, קעדיי ער זאָל קאָנען איבערצײַגן, ווירקן, ווערן צו
געגנגלעך יעדערן: „דער ציל פונ פּאָעט באשטייט אינעמ דערפירן אידייעס צו יענער מא
דרייגע פונ העלקײַט, בא וועלכער זיי ווערן צוגענגלעך דעם בליק און געפיל פונ יעדערן
אין באלזאקס געשטאלטנ־וועלט ווערט די דאָזיקע העלקײַט דערגרייכט קוידעמקאָל דורך
דעם, וואָס יעדער טיפּ איז דער טרעגער פונ איינ באשטימטער דאָמינירנדיקער
אידיי. די ראפישע אידעאָלאָגן פונ דער טעאָריע פונעם „לעבעדיקן מענטשן” האָבן גע
וואָלט אויסמײַדן סכעמאטיזם דורכן מעכאנישן שאפן געשטאלטן, וואָס זאָלן עקלעקטיש
באשטיין פונ „אביסל פונ דעם און א קאפּעטשקע פונ יענעם”. די פיגור פונעם רעוואָלוּ
ציאָנער האָט לויט די דאָזיקע קלאָגעדיקע רעצעפּטן געדארפט עקלעקטיש סומירן אביסל
באָלשעוויסטישן שטאָל און אביסל פערזענלעכע צעקראָכנקײַט (פארגלײַך ליבעדינסקיס „די

גענבורט פונ א הע
באם העלד. שיילאָ
רושעסיקא ווערט
דארף זיך בויגן ל
מענדל־געשטאלט
יידנשאפט, וואָס
דער עצעם־מאָטיו
עטלעכע סיבעס: ד
שטרעבונג צו עקזי
יאָס לעבנ א טאָג
אינ האָבן „סאדעז
אי דער נײַגיר צו
טייכל פונעם רובל
מאלקע, און דאָ פ
שפּילן און די ראָ
בארעכטיקטע מאָט
פײַער, און מענאכ
אידיי—פונ געשענ
ווילט, מיט וואָס
טער אָביעקט פונ
ניכטונג פונ א גא
כעם־מענדל, אָבער
הערשט אלע אנד
שוינ פארבונדנ א
מעגלעכער קאָנצע
אויך דורכן ט ר
קאָנסעקווענצן, א
שאפט ווערט שוי
אפ דער גרויסער
געשטאלטנ־גאלער
יעסאָד פונ פליוש
גאָלאָוולְיאָוו און
ליגט דאָ די קינסט
און גראָד זי גיט
פונ דער ווירקלע
דורך דער גוזמע
טענ באמערקט
העלדנ „מער אוי
א פאָקוס, קאָנצע
יישע גוזמע קאָנ
לעכער עג זיסטענ

עבורט פונ א העלד״). אקענג־זשע האָט באלזאק געפאָדערט אנ אידייִשע דאָמינאנטע באם העלד. שײלאָק האָט ליב געלט אונ האָט ליב די טאָכטער—אָבער זײַנ עצעם ליבע צו דושעסיקא ווערט דאָמינירט אונ איבערגעבראָכנ דורכ דער ליבע צו געלט. די געשטאלט דארפ זיכ בויענ לויט איינ באשטימטער גרונט־אקס. די העלקײַט פונ דער מענאכעם־מענדל־געשטאלט ווערט טאקע דערגרייכט דורכ דער דאָמינירונג פונ איינ באשטימטער לײַדנשאפט, וואָס באהערשט אלע איבעריקע אינטערעסנ אונ שטריכנ פונעם העלד. אינ דער עצעם־מאָטיווירונג פונ מענאכעם־מענדלס געשעפטנ־בעהאָלע קאָנט איר געפינענ עטלעכע סיבעס: דאָ איז פאראנ אי דער פארנאָסע־מאָטיוו, די פאָשעטע אונ נאטירלעכע שטרעבונג צו עקזיסטירנ, ניט הונגערנ, ניט גייענ צום גרונט; אי די קינע צו די גווירים, וואָס לעבנ א טאָג, לויפנ ארום אינ „דראָנזשיקעס״, זיצנ אפ דאטשעס, שפילנ קאָרטנ אינ האָבנ „סאדעזשאנקעס״ אונ הערנ „שענשענעטקעס״—אונ דאָס שטרעבנ לעבנ ווי זיי; אי דער נײַגיר צום מעכאניזם פונ די קאפיטאליסטישע געשעפטנ, דאָס ווילנ דערגייענ דעם טײַכל פונעם רובל, וואָס דאָ הויבט ער זיכ צוליב דער צוקילונג פונ דער ענגלישער באלקע, אונ דאָ פאלט ער צוליב ביסמארקנ, די כאָכמע, וואָס שטעקט אינ די אקציע־שפילנ אונ די ראָליע פונ ווארשע אונ פייטערבארג. דאָס זײַנענ אלץ איינצעלנע, גאנצ בארעכטיקטע מאָטיוונ, איינצעלנע פונקטנ, וואָס צעברענענ זיכ אָבער אינ איינ גרויסנ פײַער, אונ מענאכעם־מענדל דערשײַנט פאר אונדז שוינ ווי א באהערשטער פונ איינ אידיי—פונ געשעפט צוליב געשעפט, געשעפט פריִער פאר אלץ, געשעפט מיט וואָס איר ווילט, מיט וואָס דאָס אויג זעט—א מאניע, ווו די גאנצע וועלט דערשײַנט ווי איינ גרויסער אָביעקט פונ געשעפט. פארשיידענע מאָטיוונ האָבנ געבראכט צו דער זעלבסט־פארניכטונג פונ א גאבסעק, פונ א פליושקינ, פונ א גאָריאָ, פונ א קעניג ליר, פונ א מענאכעם־מענדל, אָבער אינ לעצטנ סאכאקל בלײַבט איינ דאָמינירנדיקער שטריכ, וואָס באהערשט אלע אנדערע געפילנ, באשטימט די גאנצע אופירונג פונעם מענטשנ. דערמיט איז שוינ פארבונדנ א צווייטער שטריכ פונ באלזאקס פאָעטיק: די פאָדערונג פונ דער גרעסט־בעגלעכער קאָנצענטראציע ניט נאָר דורכ דער דאָמינאנטע פונ א באשטימטנ מאָטיוו, נאָר אויכ דורכנ טרײַבנ אים ביז דער לעצטער מעגלעכקײַט, ביז די לעצטע קאָנסעקווענצנ, אזוי ווײַט, אז דער געפיל וואקסט איבער אינ א לײַדנשאפט, אונ די לײַדנשאפט ווערט שוינ פארוואנדלט אינ א שטיק מאניע. שוינ טענ האָט אופמערקזאם געמאכט אפ דער גרויסער צאָל מאניאקנ בא באלזאקנ, זיי פארפילנ אָבער אויכ די שעקספירישע געשטאלטנ־גאלעריי. די מאָנאָמאניע איז כאראקטעריסטיש פאר דאָנ־קיכאָטנ, זי ליגט אינ יעסאָד פונ פליושקינענ אונ סאָבאקעוויטשנ אונ מאנילאָווונ אונ כלעסטאקאָוונ, פונ יודושקא גאָלאָווליאָוו אונ מר. דאמבי, פונ בינײאָמינ־האשלישי אונ מענאכעם־מענדלענ. אינ יעסאָד ליגט דאָ די קינסטלערישע איבערטרײַבונג, די קינסטלערישע גוזמע אונ היפערטראָפיע, אונ גראָד זי גיט א מעגלעכקײַט קאָנצענטרירנ אונ פלאסטיש מאכנ וועזנטלעכע שטריכנ פונ דער ווירקלעכקײַט, ברייטער מאכנ דעם ארומכאפ פונ דער ווירקלעכקײַט, כאָטש טאקע דורכ דער גוזמע גופע הויבט אָנ דער קינסטלערישער עמעס אָפווייכנ פונעם לעבנ־עמעס. טענ באמערקט ריכטיק, אז דורכ אָט אָ דער גוזמע ווערנ די פיזיאָנאָמיעס פונ באלזאקס העלדנ „מער אויסדריקלעכ, ווי די פיזיאָנאָמיעס פונ רעאלע פערזאָנענ, אינ זיי, ווי אינ א פאָקוס, קאָנצענטרירט זיכ דאָס, וואָס די נאטור האָט צעשפרייט״. די מענאכעם־מענדלישע גוזמע קאָנצענטרירט טאקע ווי אינ א פאָקוס א ריי שטריכנ פונ דער קלייניבירגערלעכער עקזיסטענצ, וואָס זײַנענ צעשפרייט סײַ אינעם לעבנ, סײַ בא די פארשיידנסטע

פערסאָנאזשן בא שאָלעם־אַלייכעמען גופע. גאָרקי האַלט דעם דאָזיקן איבערטרײַבונג־מאָמענט פאר א וועזנטלעכער באַדינגונג אויך פון דער פּאָעטיק פונעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם. אין זײַן שלוס־וואָרט אפן קריטיק־פּלענום פונעם פאַרבאַנד סאָוועטישע שרײַבער דעם צווייטן מאַרט 1935, זאָגט גאָרקי: „אַלע גרויסע ווערק, אַלע די ווערק, וואָס זײַנען מוסטערן פון הויך־קינסטלערישער ליטעראַטור, באַזירן זיך טאַקע אפּ דער איבערטרײַבונג, אפּ דער ברייטער טיפּיזירונג פון דערשײַנונגען. צי איז שוין דען ניט צײַט, מיר זאָלן זיך נעמען אויסלערנען די דאָזיקע זאַך?”

סערוואַנטעסן האָבן שוין די קורצזיכטיקע קריטיקער פון זײַן צײַט פאָרגעוואָרפן, אַז שוין צופיל טרײַבט ער איבער מיט זײַן דאָן־קיכאָט, אַז שוין צופיל קלעפּ כאַפּט זײַן בידנער ריטער, אַזויפיל קלעפּ, אַז ער האָט שוין לאַנג געדאַרפט אויסציִען די פיס, ווען דאָס זאָל פאָרקומען אין דער ווירקלעכקײַט, און סערוואַנטעס געפינט אַפילע פאַר נויטיק זיך פאַרענטפערן צוליבדעם אין צווייטן טייל פון זײַן בוך. לויט דער פאָרמעלער לאָגיק זײַנען די קריטיקער געווען עפּשער גערעכט אָבער סערוואַנטעס האָט געהאַנדלט לויט דער קינסטלערישער לאָגיק, און ער האָט איין מאָל און א צווייטן מאָל און צענדליקער מאָל געשטעלט דאָן־קיכאָטן אין ענלעכע סיטואַציִעס מיט איינעם און דעם זעלביקן אומפאַרמײַדלעכן סאָף. ענלעך האָט שאָלעם־אַלייכעם, ניט מוירע האָבנדיק פאַר מאָנאָטאָניע, אפּ אַן אויסשעפּנדיקן אופן געפירט זײַן מענאַכעם־מענדל פון איין פּראָפּעסיע אין דער צווייטער, פון איין געשעפט צום צווייטן, אײַנהיטנדיק קעסיידער בא מענאַכעם־מענדלען דעם זעלביקן גלויבן און דעם זעלביקן ענטוזיִאַזם, און דאָס בילד האָט בלויז געוווּנען אין פולקײַט און אויסדריקלעכקײַט.

די קינסטלערישע איבערטרײַבונג, די קינסטלערישע גוזמע און היפּערטראָפּיע שפּילט א קאָלאָסאַלע ראָליע אין שאָלעם־אַלייכעמס שעפערישן מעטאָד. זי ליגט אין יעסאָד פון דער מענאַכעם־מענדל־טיפּיזירונג, פונעם שלימאַזל („דער מוצלעך”) אין דעם זעלביקן ווערק (א בעקאָוועדיקע פּאַרנאָסע), פון דער פּיניע־געשטאַלט, פון דער עליע־געשטאַלט פון לייזער מאַזגאָוואָיער, פון שימעלע סאָראָקער, פון דער קאַסרילעווקע־געשטאַלט, פון איינצעלנע עפּיזאָדישע פיגורן, אַשטייגער, דער ניסרעפּ, די קאָנקורענטן און הונדערטער אַנדערע ענלעכע געשטאַלטן,—פון דער סיטואַציע (אַשטייגער, די טינט, קוואַס, עמער ריצע־סצענעס אין מאָטל דעם כאַזנס), זי ליגט אינעם יעסאָד אויך פון שאָלעם־אַלייכעמס העכערן סיפּ פון אַנעקדאָט, וואָס דריקט אויס בלויז אין א פאַרשפּיצטער, גראָטעסקירטער, גוזמעדיקער פאָרם ווירקלעכע און באַדײַטונגפולע מאָמענטן פון דער ווירקלעכקײַט. אַזא מין אַנעקדאָט ליגט צום בײַשפּיל, אין יעסאָד פון „פּריזיוו”: אי ס'האָט גרײַלעך געקאָנט פּאַסירן אין צאַרישן רוסלאַנד, מע זאָל פיר מאָל רופן א מענטשן צום פּריזיוו, אי ס'איז אין טאָך געווען א זעלטענער פאַל, א קוריאָז, אי ס'איז אין לעצטן סאַכאַקל דורכויס כאַראַקטעריסטיש פאַרן מיליטעריש־ביוראָקראַטישן און שאָוויניסטישן רעזשים פון ניקאָלײַ II, ענלעך ווי דער פּאָרוטשיק קיזשע־אַנעקדאָט פאַר דער צײַט פון פּאַוול I, ווי דער רעוויזאָר־אַנעקדאָט פאַר דער צײַט פון ניקאָלײַ I.

## 10.

א דריטע כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפט פון באַלזאַקס טיפּיזאַציע־מעטאָד באַשטייט אין דער קאָנטראַסטירונג, אינעם קעגנשטעלן איין געשטאַלט צו דער צווייטער, אין דער שאַפונג פון פּאַליאַרישע געשטאַלטן, דורך וואָס ס'ווערן בוילעטער די מײַלעס און די כעס

ווינקעס פונ יעדער געשטאלט און ס'ווערט פלאסטישער ארויסגעבראכט יענע אידייִשע אָנ־
לאָדונג, יענע פראָבלעמ־שטעלונג, וואָס ווערט געגעבנ אינ דער געשטאלט. דער פאטרי־
ארכאלער סויכער צעזאר ביראָטא ווערט קעגנגעשטעלט צו די שווינדלערישע, ספעקוליאנ־
טישע באנקירנ ניסאנזשענ, די־סיע, קעלער; דער רעאליסטישער קאריעריסט ראסטיניאק
צום ליַיכטזיניקנ און צעקראַכענעם קאריעריסט לוסיענ דע־ריבאנפרע: דער ליבנדיקער
פאַטער גאָריאָ צו זײַנע עגאָיסטישע טעכטער, דער פארשווענדערישער באראָנ היולאָ צו
זײַנ ערלעכער אונ באשײַדענער מישפאָכע; דער האס פונ קוזינע בעטי צו דער מעסירעס־
נעפעש פונעמ קוזענ פאָנס. עס איז ניט נאָר באלזאקס מעטאָד, נאָר אויכ שעקספירס אונ
סערוואנטעסעס אונ געטעס אונ דיקענסעס. גאָנארילע אונ רעגאנע ווערנ קעגנגעשטעלט
קאָרדעליענ; ברוטוס—אנטאָניוסנ; האמלעט פאָלאָניוסנ. עס איז א צענטראלער מאָמענט
אינ געטעס פאָעטיק: אינ „געצ פונ בערליכינגענ“ ווערט געצנ קעגנגעשטעלט ווייסלינגענ,
געאָרגנ פראנצ, עליזאבעט אונ מאריא—אדעלהייד פונ וואלדאָרפ, דעמ מאָנאכ מארטינ דער
הויפט בעלאדיוס; אינ די „ליידנ פונעמ יונגנ ווערטער“ ווערט דעמ אומרויִקנ בורזשואזנ
בונטאר ווערטער קעגנגעשטעלט דער מעיִשעוודיקער, רויִקער, סאָלידער, פיליסטערישער
בורזשוא אלבערט; גאנצ פאוסט ווערט געבויט אפ דער דאָזיקער פאָליארישקייַט: פאוסט מע־
פיסטא, פאוסט—וואגנער, פאוסט—גרעטכענ, גרעטכענ—מארטא. די קעגנשטעלונג דאָנ־קיכאָט
אונ סאנטשא פאנסאָ איז איינס פונ די שטארקסטע זײַטנ פונ סערוואנטעסעס געניאלנ ווערק.
די דאָזיקע קאָנטראסטירונג איז אָבער ניט סתם א קינסטלערישער
ביטל; קעדיי זי זאָל ווירקלעכ־ווירקנ, מוז זי האָבנ א טיפערנ אידייִשנ זינענ, מוז אָפ־
שפיגלענ ווירקלעכע אונ וועזנטלעכע אנטאָגאָניסטישע מאָמענטנ אינ דער באווע־
גונג פונ דער ווירקלעכקייַט גופע. די פאָליארישקייַט פונ דאָנ־קיכאָט אונ סאנטשאָ־פאנסאָ
איז שטארק אונ גרויס דערמיט, וואָס זי שפיגלט אָפ דעם היסטאָרישנ אנטאָגאניזם צווישנ
דעמ אָפגייענדיקנ פעאָדאל אונ דעמ אופקומענדיקנ „דריטנ שטאנד“. ענלעכ ווי דידראָס
וסאק אינ זײַנ באלעבאָס אָדער באמארשעס פיגארא אונ אלמאוויווא. געטעס קעגנשטעלנ
דעמ לאגער פונ געצנ צומ לאגער פונ ווייסלינגענ שפיגלט אָפ דעמ ווירקלעכנ היסטאָרישנ
אנטאָגאָניזמ צווישנ אָפגייענדיקנ פעאָדאלנ ריטערטומ אונ דער אופקומענדיקער אבסאָליו־
טער מאכט פונ די פירשטנ. די פאָליארישקייַט פונ צעזאר ביראָטאָ אונ ניסאנזשענ שפיגלט
אָפ דעמ אנטאָגאניזמ צווישנ פאטריארכאלנ סויכער אונ דעמ מאָדערנעמ קאפיטאליסט, אונ
ניט קיינ וואונדער, אז ווענ ביראָטאָ גייט אונטער צוליב זײַנ באנקראָט, ווײַזנ גראָד ניסאנ־
זשענס פילצאָליקע באנקראָטנ א קוואל פאר זײַנ בארײַכערונג אונ ווײַמערדיקנ שטײַגנ
(„באנקהויז ניסאנזשענ“). ענלעכ איז דער אנטאָגאניזמ פונ מענאכעמ־מענדל אונ שיינע־שיינדל
א ווירקלעכע אונ רעאליסטישע אָפשפיגלונג פונעמ אנטאָגאָניזמ צווישנ קליינבירגערלעכע
שיכטנ פונ צוויי פאָרמאציעס, דער פעאָדאלער אונ דער קאפיטאליסטישער. א וויכטיקער
דעפעקט פונ מענדעלעס „מאסאָעס“ איז טאקע דאָס פעלנ פונ א טיפערער, סאָציאל־אונ
היסטאָריש־באַרעכטיקטער אנטאָגאָניסטישקייַט צווישנ ביניאָמינענ אונ סענדערלענ—ביידע
געהערנ צו איינ קלאס אונ צו איינ סאָציאל־עקאָנאָמישער פאָרמאציע, ביידע דערגאנצנ
איינער דעמ צווייטנ, אונ זייער קאָנטראסטירונג איז ניכער א פסיכאָלאָגיש־ביאָלאָ־
גישע, איידער א סאָציאלע. פערעצעס שלוימע אונ פינכעס זײַנענ געגעבנ אנטאָגאָניסטיש,
אָבער זייער פאָליארישקייַט באקומט ניט קיינ שום טיפערע היסטאָרישע אונ סאָציאלע
בארעכטיקונג, דריקט ניט אויס ווירקלעכע באוועגונג פונ דער געשיכטע, אונ דערפונ באַ־
קומט זיכ די טונקלקייַט, ניט אויסדריקלעכקייַט אונ טיילווײַז אפילע דער פאראלעליזמ

(אינדיווידואַליזם, טרעטירונג פון האַמוין) פון ביידע געשטאַלטן. פון גרויסע סאָציאַלע פאַראַלגעמיינערונגען גליטשט זיך דאָ פערעץ אַראָפּ סאָפּקאַלסאָפּ אָפּ א ריין פּסיכאָלאָגישער קעגנשטעלונג.

צוליב א גאַנצער ריי סיבעס, וואָס וואָרצלען אין דעם ניט אויסלעבן פּעאַדאַלע סימפּאַטיעס, איז ווי באַקאַנט פאַראַן בא סערוואַנטעסן, ביפראַט אין צווייטן טייל, א טענדענץ אָפּצושוואַכן די אַנטאַגאָניסטישקייט פון דאָן-קיכאָטן און סאַנטשאָ פּאַנסאָ, אין פאַנסאָ ווערט צייטנווייז ווי אָנגעשטעקט פון דאָן-קיכאָטס משוגאַס. דעם דאָזיקן מאָמענט שטרייכן אונטער אַסאַך פאָרשער. זיי באַמערקן אָבער ניט, אַז סערוואַנטעסעס גרויסקייט באַשטייט טאַקע אין דעם, וואָס אויך דאָ זיגט סאָסקאַלסאָפּ זיין רעאַליזם: סאַנטשאָ בלייבט פּויער אַפילו אין די מינוטן פון זיין פאַרבלענדונג, דאָן-קיכאָט בלייבט פּאַרעץ אַפילו אין מינוטן פון זיין „כאָכמע“ און ניכטערקייט. ענלעך האָט אויך ניגער געשריבן: „אין זיינע לעצטע בריוועלעך הייבט מענאַכעם-מענדל אָן אַליין צו פילן זיין דערשלאָגקייט, זיין שלים-שלימאַזל. ער ניכטערט זיך אויס אַוועלע פון די יעהופּעצער גליקן אין עס וואַקסט אויף אין אים צוריק דאָס קאַסרילעווקער קליין מענטשעלע מיט די קליינע האַסאָגעס... עס ווערן אונדז געוויזן די פעדים, וואָס ציען זיך דאָך פונעם יידישן יעהופּעץ צו קאַסרילעווקע. און מעמיילע איז קיין אָרט ניטאָ דאָ פאַר די בריוועלעך פון שיינע-שיינדל, וועלכע ווייזן פאַרקערט די פאַרפרעמדקייט צווישן אָט די ביידע מעקוימעס... ערשט ווען מיר לייענען דורך מענאַכעם-מענדלס בריוו ביזן סאָף, זעען מיר, ווי ווייט ער איז נאָך ניט איינגעגאַנגען קיין יעהופּעצער, קיין גרויסשטעטיקער......“ (געקליבענע שריפטן, ב. III, 195).

ווי בא די בורזשואַזע קאָמענטאַטאָרן פון דאָן-קיכאָטן, איז אויך בא ניגערן אַלזאָ פאַראַן א טענדענץ אָפּצושוואַכן דעם אַנטאַגאָניסטישן באַדייט פון די קלאַסישע געשטאַלטן. אין צו דעם צוועק טרייבט איבער ניגער סיי די געפאַלנקייט פון מענאַכעם-מענדלען אין די לעצטע סעריעס, און סיי דעם פּראָווינציאַלישקייט-מאָמענט אין דער דאָזיקער פיגור. געוויס זיינען פאַראַן אויך בא מענאַכעם-מענדלען, ווי געזאָגט, מאָמענטן פון אויסניכטערונג, ווען ער הייבט שוין אָן „בענקען אַזוי אַהיים, אַז מאַמעש עס גייט אים אויס דער כיעס“ (לאָנדאָן, 11-טער בריוו). עס איז אָבער כאַראַקטעריסטיש, אַז אויך דאַן וואָלט ער „געלאָפן אין דער וועלט אַריין“, אין ניט קיין קאַסרילעווקע, און אַז זיין מויעך זעט גלייך און גלייכצייטיק דעם פאַנטאַסט פון נייע געשעפטן און נייע „שפּעגעליאַציעס“. אין אַלגעמיין אָבער איז דער קאָנטראַסט פון מענאַכעם-מענדלען און שיינע-שיינדלען אויסגעהאַלטן ביזן סאָף מיט א גוואַלטיקער קראַפט, ער קומט צום אויסדרוק אַפילו אין דעם, וואָס בעת שאַס מענאַכעם-מענדל „קנאַקט און ברענט און פליט“, בלייבט שיינע-שיינדל ניכטער אין קריטיש, און פאַרקערט, ווען ער איז נידערגעשלאָגן און געפאַלן בא זיך, געפינט זי ווערטער פון טרייסט און ביטאָכן. דער דאָזיקער אַנטאַגאָניזם באַשטימט די סטרוקטור פונעם ווערק, יענעם שפּיל פון זיינע און אירע בריוועלעך, ווו מענאַכעם-מענדלס ענטוזיאַסטישע באַריכטן באַקומען גלייך שיינע-שיינדלס ניכטערע און סקעפּטישע אָפּשאַצונג.

עס קומט אויס זיך צו באַגעגענען מיט דער מיינונג, אַז די אייגנאַרטיקע בריוו-פאָרם פונעם ווערק, אין קעגנזאַץ, לאָמיר זאָגן, צו טעוויעס מאָנאָלאָגן, דערקלערט זיך דערמיט, וואָס דער בריוו פאַסט מער צו דער איילנדיקער, האַסטיקער, צעשויבערטער, צעטראָגענער נאַטור פון מענאַכעם-מענדלען, בעשאַס דעם געלאַסענעם, לאַנגזאַמען, באַריידעוודיקן טעוויעס אַנטשפּרעכט מער די מאָנאָלאָג-פאָרם. עס איז אין טאָך א שטאַרק מעכאַניסטישע דערקלערונג. פאַראַן סעריעס אינעם מענאַכעם-מענדל-ווערק „(עס פידלט ניט,

שלים-שלימאַזל
נאָוועלעס פון
די געשטאַלט ז
געקאַנט אַרויסג
אַריינגעבראַכט
שיינדלעך,
בענאַכעם-מענדי
די בריוו-פאָרמ
שטאַלט איז שו
בעם קאָן זיך ז
ענלעכע סיבעס
אין די ראָמאַנע
הינדערס, און ב
וואָס איז דערש
דעמאַסקירנ די
איר עקזיסטענצ
טער פאָרמ.

באַלזאַק האָ
אינעם קונסט-וו
זעסט, וואָס אי
ער האָט געקעמ
פאַראַלגעמיינער
ווערק א לאַנגד
גענומען אין ז
דער „גרעסטער
ענדלעכקייט, ג
פּערסאָנאַזש, ב
„אַליין פאַר זיי
קייט דאַרף ני
ווענען די אינד
(מאַרקס).

אָטאָ די קאָ
קייט פון באַלזאַ
די פּאַרקערפּערו
לעכן פּסיכאָלאָגי
פון דאַר צו דאָ
צער קאָנקרעטע
זיין טראַגעדיע

"שלים־שלימאזל") וואָס זײַנען שוין אין טאָכ ניט קיין בריוו, נאָר גרויסע מאָנאָלאָגן נאָוועלעס פון מענאַכעם־מענדלען. דאָס זײַנען, אגעוו, די לעצטע סעריעס אינעם בוך. די געשטאַלט אויך פון מענאַכעם־מענדלען האָט אָן גרעסערע קינסטלערישע שוועריקײַטן געקאָנט ארויסגעבראַכט ווערן אין דער פאָרם פון מאָנאָלאָגן, די בריוו־פאָרם איז גיכער ארײַנגעבראַכט געוואָרן ניט צוליב מענאַכעם־מענדלען נאָר צוליב שיינע־שיינדלען, קעדיי צו קענען געבן א טייקעפדיקע און איבערצײַגנדיקע קריטיק פון מענאַכעם־מענדלס מײַסים און געשעפטן. טאַקע צוליב דעם ווערט שוין ניט אזוי נויטיק די בריוו־פאָרם אין די לעצטע סעריעס, וואָרעם דער וועזן פון דער מענאַכעם־מענדל־געשטאַלט איז שוין לאַנג און קלאָר ארויסגעבראַכט אפ דער העלער שײַן, און שאָלעם־אליי־כעם קאָן זיך שוין אָן גרעסערן שאָדן אָפזאָגן פון די בריוו פון שיינע־שיינדלען. מיט ענלעכע סיבעס דערקלערט זיך עפּשער אויך די גרויסע פּאָפּולערקײַט פון דער בריוו־פאָרם אין די ראָמאַנען פון דער אופקלערערישער בורזשואזער ליטעראַטור אינעם 18־טן יאָר־הונדערט, און ביפראַט העלן מיר דערמאָנען לאַקלאָס „געפערלעכע פארבינדונגען", א ווערק, וואָס איז דערשינען ערעוו דער רעוואָליוציע (1782), און געשטעלט זיך פאַר א ציל צו דעמאַסקירן די דעגענעראַציע פון דער אריסטאָקראַט־ע, ארויסברענגען דעם גאַנצן שמוץ פון איר עקזיסטענץ, ניט געקוקט אפ דעם אויסערלעכן גלאַנץ און דער אויסערלעכער עלעגאַנטער פאָרם.

11

באַלזאַק האָט געקעמפט פאַר דער ראַליע פון דער פאַנטאַזיע, פון דער אויסטראַכטעניש אינעם קינסט־ווערק, ער האָט אָבער גלײַכצײַטיק באַקעמפט דעם אינגאַנצן „פיקטיווע סיזשעט, וואָס איז ניט פאַרבונדן מער אָדער ווייניקער נאָענט מיט קיין שום רעאַלקײַט"; ער האָט געקעמפט פאַר דער אידייִשער אָנלאָדונג פונעם טיפ, פאַר זײַן גרעסט־מעגלעכער פאַראַלגעמיינערונג־קראַפט, אָבער גלײַכצײַטיק אָנגעוויזן, אז בלויז דאַן באַקומט דאָס ווערק א לאַנגדויערדיקן ווערט, ווען ס'איז באַזירט „אפ פאַקטן אָבסערווירטע, באַנומענע, גענומענע אין דעם רעאַלן לעבן". דאָס האָט אויסגעצייכנט געוווּסט אויך געטע, און דער „גרעסטער דײַטש" (ענגעלס) האָט אונטערגעשטראָכן, אז „ווילסטו גיין צו דער אומענדלעכקײַט, גיי בלויז אין אלע זײַטן פון דער ענדלעכקײַט". קעדיי די אידיי זאָל ווערן פערסאָנאַזש, מוז זי אויסוואַקסן פון דער סאַמע קאָנקרעטערווירקלעכקײַט, זי דאַרף „אליין פאַר זיך ארויספליסן פון דער סיטואַציע און האַנדלונג" (ענגעלס), די ווירקלעכקײַט דאַרף ניט מעכאַניש צו איר צוגעקלעפּט ווערן, ווי דאָס האָט געטאָן שילער, „בא וועמען די אינדיווידן ווערן פאַרוואַנדלט אין אייניפאַכע הויכ־רעדער פונעם צײַט־גײַסט" (מאַרקס).

אָט אָ די קאָנקרעטקײַט כאַראַקטעריזירט טאַקע באַלזאַקס טיפּיזאַציע־מעטאָד. די גרויסקײַט פון באַלזאַקס טיפּיזאַציע באַשטייט טאַקע אין דעם, וואָס דער טיפּ איז בא אים ניט די פאַרקערפּערונג פון אן אַבסטראַקטער, אייביקער קאַטעגאָריע, פון אן אייביקן מענטשלעכן פּסיכאָלאָגישן שטריך, וואָס בײַט בלויז די אויסערלעכע קליידער אין זײַן וואַנדלונג פון דאָר צו דאָר, נאָר א פּראָדוקט פון א באַשטימטער סאָציאַלער סוויווע מיט איר גאַנצער קאָנקרעטער אייגנאַרטיקײַט. גאָריאָ איז ניט קיין איבערכאַזערונג פון קעניג ליר — זײַן טראַגעדיע איז מעגלעך און כאַראַקטעריסטיש בלויז פאַר א פאַרוועניו אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. די גרויסע און מעכטיקע גאַלעריי פון באַלזאַקס קאַרגע איז

ניט קיין איבערכאזערונג פונ די קארגע פונ א פלאוטוס פונ דער אנטיקער וועלט, א מאָליער פונ דער פעאָדאלער וועלט—עס איז קארגשאפט פונ א באשטימטער, היסטאָריש גענוי־באשטימטער עפּאָכע, פונעם צײַט־אָפּשניט 1789־1848. אונ אויכ דאָ דיפערענצירט באלזאק אונ פירט ווײַטער די קאָנקרעטיזאציע: גראנדעס קארגשאפט איז די פוריטאניש־סאָכרישע קארגשאפט, וואָס איז כאראקטעריסטיש פאר דער אורשפרינגלעכער אָנזאמלונג פונ קאפיטאל, זי איז געצילט אפ געלט־אָנזאמלונג צוליב האנדל אונ געשעפט; די קארג־שאפט פונעם אלטנ סעשאר („פארלוירענע האָפענונגענ“) איז פויעריש־באלעגופיש, קליינ־אייגנטימעריש באפארבט, אונ עס ליגט אפ איר אויסגעגאָסנ דער גאנצער „אידיאָטיזם פונעם דאָרפישנ לעבנ“; די קארגשאפט פונ גאָבסעקנ איז די פראָפעסיאָנעלע ליבע צו געלט פונ א פראָצענטניק, וואָס וואקסט אויס ביז מאניע אונ מעשוגאעס. ענלעכ האָט שאָלעם־אַלייכעמ געשאפנ א היפשע גאלעריע פונ מענאכעמ־מענדלישע טיפּנ, זיי זײַנענ אָבער סאָמיד בא אימ דיפערענצירט אונ קאָנקרעטיזירט: זײַנ „מוצלעכ“ פינ א „בעקאָ־ווּעדער פארנאָסע“ איז אינ קעגנזאצ צו מענאכעמ־מענדל ניט קיינ פאנטאסט, נאָר סטאם א שלימאזל; עליעס בּענאכעמ־מענדליזמ (מאַטל דעמ כאזנס) טראָגט אנ אויסגעשפּראָכענעם פּראָווינציעלנ, קליינשטעטלדיקנ כאראקטער; פיניעס מענאכעמ־מענדליזמ איז יעשיוועבאָ־כעריש, אינטעלעקטואליסטיש: דער מענאכעמ־מענדליזמ פונ לייווי מאָזגאָוויער ווערט איבערגעבראָכנ דורכ די שטריכנ פונ א יוסטנ באלעבאָס, א שטעטלדיקנ טאקיפ.

די מענאכעמ־מענדל־טיפיזאציע איז דורכויס קאָנקרעט. מענאכעמ־מענדל איז א פּראָדוקט פונ א באשטימטער אונ קלאָר ארומגעגרענעצטער היסטאָרישער עפּאָכע—1890־1914. ניט אומזיסט האָט שאָלעם־אַלייכעמ אופגעכאפט די דאַזיקע דערשײַנונג גראַד איז די 90־קער יאָרנ—עס זײַנענ יאָרנ פונ שטורמישנ ווּקס פונעם קאפיטאליזמ אינ רוסלאנד אונ פונ אלע זײַנע באגלייט־דערשײַנונגענ—גרינדונג־פיבער, ספעקוליאציע אינ אזשיאָטאזש. עס איז גענוג צו דערמאָנענ, אז 40 פראָצ. פונ אלע אונטערנעמונגענ, וואָס האָבנ עקזיסטירט אינ רוסלאנד אינעם יאָר 1899, זײַנענ אופגעקומענ אינ די 90־קער יאָרנ. אינ אָדעס, וואָס בויט זיכ אפּנ עקספּאָרט קײַנ אויסלאנד אונ ווו דער וואליוטע־קורס האָט צוליב דעמ גאָר א באזונדערע באדײַטונג, פארוואנדלט שאָלעמ־אַלייכעמ מענאכעמ־מענדלענ אינ א וואליוטע ספּעקוליאנט, אינ קיעוו, דאקעגנ, איז ער א מעקלער פונ אימעניעס, צוקער־זאוואָדנ אונ אקציע־ספּעקוליאנט. שילדערנדיק מענאכעמ־מענדלענ ווי א פראָווינציאל אינ דער גרויס־שטאָט, איז שאָלעמ־אַלייכעמ ניט אויסנ בלויז דעמ קאָמיזמ־עפעקט פונ פראָ־ווינציעלער נאַיווקײַט אונ לײַכט־גלויביקײַט—ער פיקסירט דאַ דעמ פּראָצעס פונ כאָריעווערנ פונ די שטעטלעכ אינ גאנג פונ דער קאפיטאליסטישער אנטוויקלונג אונ דאָס ציִענ זיכ פונ גרויסע מאסנ קליינבירגער אינ די גרויסע שטאָטישע צענטרענ. מיט גרויסער היסטאָרישער געטרײַשאפט ווערט איינציִטיק געשילדערט די מאָדערניזאציע פונעם קליינ־בירגער, זײַנ אויסבייטנ דעמ בעסמעדרעש אפ דער קאָר־שול, זײַנ אויסגעוואקסענער אינ־טערעס צו דער פּאָליטיק, די מאָדערניזאציע פונ זײַנ שטייגער אונ אפילע פונ זײַנ שפּראַכ.

עס ווערט אײַנגעהיט אינ דער מענאכעמ־מענדל־געשטאלט די נאציאָנאלע פאָרמ פונעם פארבימלערישנ טייל פונ דעמ יידישנ קליינבירגערטומ, וואָס קומט צומ אויסדרוק אינ מענאכעמ־מענדלס קליינשטעטלדיקײַט, באשטימטע שטריכנ פונ קאָנסערוואטיזמ (אשטייגער מענאכעמ־מענדלס רעליגיעזקייט), נאציאָנאליזמ, אינ דער נייגונג צומ האנדל אונ ווײַכנ פונ פּראָדוקטיווער ארבעט (אלע פארנאָסעס פונ מענאכעמ־מענדלענ טראָגנ א פארמיטלעריש־פּאראזיטישנ כאראקטער, אונ אפילע שרײַבערײַ ווערט דורכ אימ באנומענ ווי א געשעפט).

אָטאָ די נאַציאָנאַלע פאָרם שוואַכט אָבער ניט אָפּ דעם אַלגעמיינעם באַטײַט פון דער מענאַכעם־מענדל־געשטאַלט. די אילוזאָרישקײַט פון דער קליינבירגערלעכער עקזיסטענץ ביכלאַל געפֿונען האָט דאָפּקע אין קאָנקרעטן מאַטעריאַל פון א ייִדישן קליינעם סוחר־באַקומען דעם שטאַרקסטן אויסדרוק. אַכזאָריעסדיק צוזאַמענגעקוועטשט אינ ענגן שטעטל פונעם „תּחום", פּאָליטיש רעכטלאָז און באַגרענעצט אַף שריט און טריט, אינעם פּרעס פונעם קאַפּיטאַליזם, מיט א שווידעוולעכער ירושה פון הונדערטעריאָריקער פּאַראַזיטישער פאַרמיטלערישער עקזיסטענץ, דערצויגן אין האַכנאָע און באַווונדערונג פאַר די ראָטשילדס און בראָדסקיס, האָט דער האַנדל־וואַנדלדיקער טייל פונעם ייִדישן קליינבירגערטום פאַרגעשטעלט מיט זיך דעם דאַנקבאַרסטן מאַטעריאַל פאַר א קינסטלערישן עטיוד וועגן דעם בורזשואַזקײַט־עלעמענט און זעלבסט־אָפּנאַרערײַ אינעם קליינבירגער ביכלאַל גענומען. ענלעך האָט באַלזאַק ווײַט ניט צופעליק די סאַמע געלונגענע טיפּיזירונג פון א מאָדערנעם באַנקיר באַקומען אין דער געשטאַלט פון דעם ייִד ניסאַנזשען.

די נאַציאָנאַלע פאָרם האָט ניט אָפּגעשוואַכט די פאַראַלגעמיינערנדיקע קראַפט פון דער מענאַכעם־מענדל־געשטאַלט—פאַרקערט, זי האָט זי צוגעשפּיצט ביז צו דער גרעסטער מאַדרייגע פון העלקײַט.

---

אַזוי־אַרום שטייט אין צענטער פון שאָלעם־אַליכעמס פּאָעטיק, ענלעך ווי בא באַלזאַקן, די כאַראַקטער־טיפּיזירונג, און אַלע איבעריקע קונסט־מיטלען זײַנען איר אונטערגעוואָרפן, פליסן פון איר אַרויס און דינען איר. די פאַרשיידענע טעאָרעטיקער פונעם קאָמיזם אונטערשיידן כאַראַקטער־קאָמיזם, ווען דער כאַראַקטער פאַר זיך איז צוליב די אָדער אַנדערע סיבעס קאָמיש, סיטואַציע־קאָמיזם דאַן, ווען די סיטואַציע פאַר זיך איז קאָמיש, אַפילע ווען די באַטייליקטע פּערסאָנאַזשן זײַנען אַבסאָליוט ניט קאָמיש (אַשטייגער, ווען טעוויע רעדט וועגן זײַן בעהיימע, און דער קאַצעוו האָט אין זינען טעוויעס טאָכטער), וואָרט־קאָמיזם (איבערכאַזערונג פון וואָרט, צווייִדײַטיקײַט פון וואָרט, וואָרט־שפּיל א.אַז.וו.). ווי אַלע גרויסע הומאָריסטן, האָט שאָלעם־אַליכעם ברייט אויסגענוצט אַלע די קאָמיזם־מיטלען (דער סיטואַציע־קאָמיזם שפּילט צום בײַשפּיל א גרויסע ראָליע אין „מאָטל דעם כאַזנס", דער וואָרט־קאָמיזם אין „טעוויע דעם מילכיקן", אין שיינע־שיינדלס בריוו) און אין אַלע דרײַ געביטן פונעם קאָמיזם איז ער געווען א זיכערער מײַסטער. דעם סיטואַציע־קאָמיזם האָט ער צום בײַשפּיל ברייט אויסגענוצט באַם אויסבויען דעם סיוזשעט פון זײַנע נאָוועלעס (מיר וועלן דערמאָנען בלויז דעם „נעס פון „הוישײַנע־ראַבע", „דעם פּאַרקישעפּטן שנײַדער", דעם „זעקס און זעכציק"), און וואָס איז שײַעך דעם וואָרט־קאָמיזם, איז שטאַרק פאַרשפּרייט די מיינונג, אַז דאָס איז די אייגנטלעכע סטיכיע פון שאָלעם־אַליכעמס הומאָר, אַז דאָ ליגט דער וויכטיקסטער און אָריגינעלסטער אונטערשייד פון שאָלעם־אַליכעמס הומאָר אין פאַרגלײַך, לאָמיר זאָגן, מיט טוועגען, בא וועלכן ס'שפּילט אַזאַ גרויסע ראָליע דער סיטואַציע־קאָמיזם, אָדער גאָגאָלן, וואָס איז דער גרעסטער כאַראַקטער־הומאָריסט אין דער וועלט־ליטעראַטור. אַלע גרויסע הומאָריסטן, דערינ אויך טוועגן, זײַנען אָבער געווען פריִער פאַר אַלץ גרויסע כאַראַקטער־מײַסטער, און אויך די וויכטיקסטע און גרעסטע ווערק פון שאָלעם־אַליכעמען זײַנען גראָד מײַסטער־ווערק פונעם כאַראַקטער־קאָמיזם—מענאַכעם־מענדל, טעוויע, מאָטל דעם כאַזנס, שאָלעם־אַליכעמס גרויסע קאָמעדיעס, די מערהײַט דערציילונגען פון שאָלעם־אַליכעמס פּערטן מײַסטער־ווערק—פון די „קסאָווים פון א קאָמי־וואָיאַזשאָר"—זײַנען אין טאָך געבויט אָפּ דער כאַראַקטער־טיפּי־

זאציע. דאָס זעלביקע בילד וועט זיך באקומען, ווען מע וועט זיך אופמערקזאם צוקוק
צו שאָלעם־אליי‌כעמס הונדערטער אנדערע דערציילונגען. מענאכעם־מענדל איז איינס פון ד
קאָמישסטע ווערק אין דער וועלט־ליטעראטור, יעדע סיטואציע, אין וועלכער מענאכעם־מענ
פאלט אריין, איז קאָמיש, זי ווערט אָבער קאָמיש דורך מענאכעם־מענדלען גופא, דורך
גרונט־קאָמיזם, וואָס איז באזירט אף דער סטירע צווישן מענאכעם־מענדלס פאנטאזיעס אין
דער אָביעקטיווער ווירקלעכקייט. די זעלבשטענדיק קאָמישע סיטואציע שפילט דאָ א ניט
טיקע ראָליע, באגעגנט זיך אין טאָג זעלטן, און אויך דער וואָרט־קאָמיזם איז דאָ שטרענג
אונטערגעוואָרפן דער פאנאנדערוויקלונג פונעם כאראקטער, ווערט שטארק געצאמט אין
געגעבן מיט גרויסן קינסטלערישן טאקט. אפילע די בארימטע ליסטע פון כאסאנים איז אין
טאָג א שעדעוור ניט אזויפיל פונעם וואָרט־קאָמיזם, ווי פון כאראקטער־מאָלעריי כ
געציילטע ווערטער, מיט דער גרעסטער קארגשאפט באווייזט דאָך שאָלעם־אלייכעם גא
אן עסקיז פונעם כאראקטער פון יעדן כאָסן, און עס גייט פארביי פאר אונדזערע אוי
א ווינדערלעכער און אייגנארטיקער פאראד פונעם אפטייקער גאָלועך, וואָס וויל דאפ
א „ברענעטקע”, פונעם זון פון דעם „יויעץ בעסאכארנע זאוואָד”, מיט מאמזער אויג
וואָס וויל א שמאלץ־גרוב, פונעם באָכער „מענאָגען אל האבערזע”, פון געשטופלטע קרא
סאוויצעס, פון וואָכערניצעס, פונעם מאסקיל און ציִעניסט סאקאָנעס־נעפאָשעס, פון פינ
בסולעס, וואָס זיצן אין טאָמאשפאָל און וואַרטן אף א דאָקטער מיט א קאבינעט און מענ
און דערפון זייַנען „דריי קראסאוויצעס און צוויי פאסקודניצעס”... דאָ איז ווונדערל
און מייַסטערהאפט ניט נאָר דאָס שפילן אפן מאָדערנעם אינהאלט, וואָס ווערט אריינגנ
שטופט אינעם אלטפרענקישן שאדכאָנישן געמיש פון לאָשן־קוידעש, רוסיש און ייִדיש
נאָך פריִער פאר אלץ די פייִקייט מיט צוויי־דריי שטריכן לעבעדיק מאכן א גאנצע, אין
אָפט קאָמפליצירטע פיגור, און גלייַכצייַטיק אריינפירן א גאנצע גראָטעסקירטע מאסנ
סצענע, אן אייגנארטיקער פאראד פון דער ייִדישער בורזשואזיע, דערצו געגעבן אין דער
סאמע אָפשטויסנדיקער פאָרם.

12

מיר האָבן פארצייכנט די מאגיסטראלע ליניעס, לויט וועלכע ס'האָט זיך באוועגט שאָ
לעם־אלייכעמס ארבעט איבער מענאכעם־מענדלען: אידייִשע אָנלאָדונג און אַנ
געזעסיקטקייַט, שטרעבונג צו דער מאקסימאלער קאָנצענטראציע,
קאָנטראסטירונג, היסטאָרישע געטרייַשאפט און קאָנקרעטקייַט. דאָס
בילד וואָלט געווען ניט פול, ווען מיר זאָלן כאָטש אין קורצע שטריכן ניט פארצייכענען
יענע גרויסע, פלייַסיקע און גוט דורכגעטראכטע ארבעט, וואָס שאָלעם־אלייכעם האָט דורכ
געפירט איבער די פארשיידנסטע דעטאלן פון זייַן גרויסן ווערק. עס איז פארשפרייט די
מיינונג, ווייַזט אויס אין צוזאמענהאנג מיט דער באקאנטער לייַכטקייַט פונעם שרייַב
פראָצעס בא שאָלעם־אלייכעמען, אז דער גרויסער הומאָריסט האָט ווייניק אָדער גאָרניט
באארבעט און געשליפן זייַנע ווערק. שאָלעם־אלייכעם אליין האָט אלע מאָל ענערגיש
פראָטעסטירט קעגן אזא מיינונג. אין א בריוו צו דינעזאָנען פונעם 9־טן יול 1913, אין
צוזאמענהאנג מיט דינעזאָנס בריוולעכער קריטיק פון דער לעצטער סעריע פון מענאכעם־
מענדלען (געדרוקט אין „הייַנט”, 1913) און באלמאכשאָוועסעס אָנפאלן (אויך אין א בריוו
צו שאָלעם־אלייכעמען) אפן ראָמאן דער „בלוטיקער שפאס”, שרייַבט שאָלעם־אלייכעם מיט
גרויס אופרעגונג, אז „אלע קרענק ביט אלע שלעק מיטן קיצער־יאָמים, וואָס ער האָט

קומט דאָס אים פון שרײַבן, נאָר ניט קוקנדיק אַף זײַן פּראָדוקטיװקײַט און אַף זײַן לײַכטן סטיל. אַז איטלעכס קאַפּיטל פונעם ראָמאַן, װאָס דער קלוגער באַלמאַכשאָװעס רופט עס אָן טאַנדעט, איז איבערגעאַרבעט געװאָרן מינדעסטנס צען מאָל — װעט דאָס זײַן בײַ אים אײַך אַ נײַס. אַז מענאַכעם־מענדלס אַ בריװל װערט איבערגעשריבן און איבערגעלײַטערט מער װי צען מאָל, װעט דאָס זײַן בײַ אײַך אַ נײַס".

געװיס פּילט זיך אין היפּש זאַכן פון שאָלעם־אַלײכעמען דאָס אײַליקע און װײניק פּאַרטיפטע שרײַבן אַף דער באַשטעלונג פון דער בורזשואַזער פּרעסע, װאָס האָט נאָך דערצו אַפּן שענדלעכסטן אויפן עקספּלואַטירט דעם גרויסן ײדישן שרײַבער. שאָלעם־אַלײכעם באַשטעטיקט עס אַלײן אין אײניקע בריװ. װעגן דער אַנטשטײונג־געשיכטע פון דער שטאַרק פּלאַכער הומאָרעסקע „דער יאָנטעװדיקער צימעס" דערצײלט ער אַלײן אין אַ בריװ פונעם 10־טן סענטיאַבער 1904: „אַ שײנע מײַסע האָט פּאַסירט מיט דעם „צימעס" געװען איז דאָס נעכטן פאַרנאַכט שוין. מע האָט שױן געהאַלטן בײַ כסימעס־האַגיליען בלײַזן דעם נומער מ. ע.), רופט זיך אָפּ צו מיר גינזבורג (דער רעדאַקטער פון דער צײַטונג „דער פרײַנט". מ. ע.): „ניטאָ קײן יאָנטעװ־פעלעטאָן אַף די ערשטע טעג סוקעס! אַ נו, פּאַניע שאָלעם־אַלײכעם, פאַרקאַטשעט די אַרבל, באַװײַזט אַ בעריעשאַפט, איר האָט אַ שאָ צײַט. האָט געגומען שאָלעם־אַלײכעם, האָט פאַרקאַטשעט די אַרבל, אַפּגעזעסן אַ שאָ, און ס׳איז אַרויס אַ „צימעס". שאַדע, װאָס נאָר אַ שאָ. איך װאָלט באַדאַרפט האָבן כאָטש נאָך אַ האַלבע שאָ, װאָלט ער אַרויס אַביסל גרעסער און עפּשער באַטאַמטער"... (ש. א. בוך, ז. 203). אָבער גלײַכצײַטיק דאַרף פאַרצײכנט װערן, אַז אַף װיפל דאָס איז נאָר געװען מעגלעך, האָט שאָלעם־אַלײכעם פלײַסיק געפײַלט זײַנע זאַכן, און ביפראַס צו דער בוך־אויסגאַבע. אין יאָר 1931 האָב איך אַפּן סמאַך פון שאָלעם־אַלײכעמס בריװ צו זײַן איבערזעצער אין רוסיש, דר. פּינוס, געקאָנט דאָקומענט׳רן יענע גרויסע און טאָגטעגלעכע אַרבעט, װאָס ש. א. האָט אין משך פון יאָרן (1913־1910) געפירט באַם צוגרײטן צום דרוק און קאָנטראָלירן די רוסישע אויסגאַבעס פון זײַנע װערק („ש.א. און זײַן איבערזעצער" מינסק, „צײַטשריפט" ב. 5). און אַ שלאַל קינסטלערישע מי האָט ש. א. אַרײַנגעלײגט אויך באַם פּעסטשטעלן דעם ענדגילטיקן, קאַנאָנישן טעקסט פון זײַן גרעסטן מײַסטער־װערק, פון „מענאַכעם־מענדלען".

װאָרעם דאָס מענאַכעם־מענדל־װערק, װי געזאָגט, איז געװאַקסן סטיכיש, 21 יאָר, זינט 1892 ביז 1913. אינעם קאַנאָנישן טעקסט פון מענאַכעם־מענדלען זײַנען אַרײַן 6 סעריעס, עס זײַנען אָבער באַקאַנט, אויב ניט רעכענען די שפּעטערדיקע „הײַנט"־סעריע פון 1913. אויך װײַטער אַראָפּװאַרפן די עפּיזאָדישע דערשײַנונג פון מענאַכעם־מענדלען אין „יאַקנע־האָז", 1894, און די דראַמאַטיזירטע „אַגענטן" — ניט װײניקער פון 13 סעריעס פון מענאַכעם־מענדלען, גרעסערע און קלענערע. אויב דאָס גאַנצע בוך האַלט 58 בריװ און 2 גרעסערע בריװ־נאָװעלעס („עס פידלט ניט" און „שלים־שלימאַזל"), באַשטײט די שפּעטערדיקע „הײַנט"־סעריע פונעם יאָר 1913 פון 45 ריזיקע בריװ, און בלויז די דאָזיקע סעריע איז גרעסער פונעם גאַנצן בוך. די אײנצעלנע עטאַפּן פונעם מענאַכעם־מענדל־װערק זײַנען:

1892 — „לאָנדאָן", געדרוקט אין שאָלעם־אַלײכעמס „קאָל־מעװאַסער" צו דער „ײדישער פאָלקס־ביבליאָטעק".

1894 — „יאַקנעהאָז", בוך־אויסגאַבע".

1896 — „פּאַפּירלעך", אין ספּעקטערס „הויז־פרײַנט", באַנד 5.

1899-1900 — „מיליאָנען“, אין קראָקעווער „יוד“. (1899—נומ. 21, 22, 24, 25; 1900—
נומ. 1, 2, 3, 4, 5, 6).

1900 — „וואָס טוט מען“, „בעכיפאָזן“, „עס פידלט ניט“—אין „יוד“ (נומ. 13, 14, 36,
37, 38, 51, 52).

1901 — „שלים-שלימאזל“, „דרייפוס דער 2-טער“, אין „יוד“. (נומ. 1, 2, 3, 45, 46, 47

1903 — „די נייע פארנאָסע“, „אדיע“, אין „פריינט“. (נומ. 1, 8, 15, 20, 26, 32, 220

1903 — „קיין אמעריקע“, אין דער ניו־יאָרקער „צוקונפט“. (נומ. 8).

1904 — „א געבענטשט לאנד“, אין „פריינט“ (נומ. 1).

1905 — „אגענטן“, אין „די יידישע צוקונפט“ (קראָקע, מיי־העפט).

1908 — „פארוואלגערטע בריוו“, אין „פריינט“ (238, 243).

1913 — „בריוולעך פון מענאכעם־מענדלען צו שיינע־שיינדל זיין ווייב“ אין „היינט
(45 בריוו).

אָט־אָ די טאבעלקע ווייזט אונדז, אז נאָך אין 1904 באמערקט זיך א האפסאָקע אין
שאָלעם־אלייכעמס ארבעט איבער מענאכעם־מענדלען. דאָס, וואָס עס איז אונדז היינט באַ
קאַנט פון דעם ווערק, דער סטערעאָטיפער מענאכעם־מענדל, איז פארענדיקט געוואָרן אין
גרונט — אָבער בלויז אין גרונט אין יאָר 1903. שוין אין נומער 220 פון דעם „פריינט“
1903, באווייזט זיך א בריוו פון מענאכעם־מענדלען צו שאָלעם־אלייכעמען „אדיע“, ביי
כאראקטעריסטישן אונטערטיטל: „דער לעצטער בריוו פון מענאכעם־מענדלען“. מענאכעם־
מענדל געזעגנט זיך מיט שאָלעם־אלייכעמען, קלאָגט, אז פון אלע זיינע פארנאָסעס האָט
זיך אויסגעלאָזט א טייך, און איז אים מודיע, 'אז ער פאָרט אָפּ אין „א געבענטשט לאנד'
אין אמעריקע. און דאָך איז עס ניט דער לעצטער בריוו פון מענאכעם־מענדלען: אין
נומער 1 פון דעם „פריינט“ פון יאָר 1904 באווייזט זיך א בריוו פון מענאכעם־מענדלען
צו שאָלעם־אלייכעמען — „א געבענטשט לאנד“, וווּ מענאכעם־מענדל באשרייבט זיינע ערשטע
טריט אין אמעריקע. ס'האָט געזאָלט זיין דער אָנהייב פון א נייער סעריע. ש. א. האָט
אלזאָ, געוואָלט צו באשרייבן א סוויווע, וואָס זי איז אים דאן, 1904, געווען נאָך לאַנ־
לוטן ניט באקאנט (ש. א. איז דאָס ערשטע מאָל געקומען קיין אמעריקע אין אָקטיאבער
1906). ער האָט אָבער באלד רעזיגנירט פון דעם פּלאן פון אן אמעריקאנער סעריע פון
מענאכעם־מענדלען, און מער פון דעם איין בריוו איז ניט דערשינען.

ס'איז, אלזאָ, קלאָר, אז צום סאָף יאָר 1903 איז שוין שאָלעם־אלייכעם מיד פון זיין
טומלדיקן העלד. ער איז איצט פארכאפּט פון זיינע צוויי אנדערע הויפּט־געשטאלטן: טעוויע
און זינט 1907 — מאָטל דעם כאזנס. דער פּלאן פון א הומאָריסטישער שילדערונג פון דעם
יידישן אמעריקאנער לעבנ־שטייגער וועט רעאליזירט ווערן ערשט אין דעם צווייטן טייל
פון „מאָטל דעם כאזנס“. איך מיין, אז א באשטימטע ראָליע האָבן דאָ געוויס געשפּילט
די רעוואָליוציע־יאָרן, וואָס האָבן ווייניק האַרמאָנירט מיט דער מענאכעם־מענדל־טעמאַטיק.
די צוויי „פארוואלגערטע בריוו“ אין „פריינט“ 1908 (238 און 243), זיינען, ווייזט אויס,
אנטשטאנען אין פּראָצעס פון גרייטן די בוך־אויסגאבע פונעם ווערק (דערשינען אָנהייב
1910). ערשט אין יאָר 1913 נעמט זיך שאָלעם־אלייכעם ווידער מיט אימפּעט צו מענאכעם־
מענדלען, און אינעם דערמאָנטן בריוו צו דינעזאָנען שרייבט שאָלעם־אלייכעם: „און דאָס
וועט דאָך אוודע זיין בא אייך א נייס, אז דער איצטיקער „מענאכעם־מענדל“, וואָס
דרוקט זיך אין „היינט“, איז ניט, שטעלט אייך פאָר אזוי, לעשעם גאזעט ווי לעשעם
א ניי קאפּיטל אין בוך, וואָס הייסט „מענאכעם־מענדל“; — דאָס וועט זיין דער צווייטער

טאָם, ווו עס ווערט געשילדערט מענאכעם-מענדל דער לופט-מענטש אין דעם געשטאַלט פֿון א פּאָליטיקער און קלאל טוער, און דאָ איז ער'אויך דער זעלבער פליער, דער זעלבער היץ־קאָפּ, דער זעלבער אידעאליסט, און דערצו נאָך א הומאניסט און א פּאציפיסט און „א ייד” און וואָס איר ווילט”...

גרייטנדיק די קאנאָנישע אויסגאבע פונעם יאָר 1910, האָט ש. א. דורכגעפירט א קאָלאָסאלע ארבעט. ער האָט אויסגעשלאָסן אָן ראכמאָנעס א ריי שוואכע סעריעס (אשטייגער „וואָס טוט מען”, „בעכיפּאָזן”, „אדיע”, „א געבענטשט לאנד”) און אפילו אזא בעפיירעש אויסגעצייכנטע זאך, ווי די צוקונפט-סעריע „קיין אמעריקע” (זי פיגורירט, געקירצט און געענדערט, שוין אָן קיין שום שייַכעס צו מענאכעם-מענדלען, אין דער יובילעום-אויסגאבע פֿון שאָלעם-אלייכעמס ווערק, באנד III, אונטערן טיטל „אן אגענט”). ער האָט צונויפגעגאָסן אייניקע סעריעס, באנוצנדיק זיי אויסשליסלעך ווי רוי־שטאָף, און שאפנדיק אזוי ארום גאָר א נייַ ווערק. אזוי, צ. ב. איז אנטשטאנען איינער פון די בעסטע טיילן פון דער קאנאָנישער אויסגאבע „עס פידלט ניט” (מענאכעם-מענדל א שאדכן). ס'איז ווי באקאנט דער בעסטער טייל פון דעם מענאכעם-מענדל-ווערק, סייַ צוליבן טייַערן אנעקדאָט מיט די צוויי מיידלעך, ווען ס'האָבן צונויפגעפּאָרט די שלימאזלדיקע שאדכאָנים, סייַ צוליב דער פּרעכטיקער ליסטע פון כאסאנים, — קוידעמקאָל אָבער צוליב דער גרויסער קארגכאפט אין וואָרט, וואָס באווייַזט אזויפיל אינהאלט, געשעענישן און טיפן אריינפּרעסן אין די ענגע גרענעצן פון קוים איין דרוק-בויגן. מע באשולדיקט שאָלעם-אלייכעמען אין בארידעוודיקייַט, אין נייַן מאָס רייד; אָבער ווען מע האָט באדארפט, האָט ער פארשטאַנען קארגן מיטן וואָרט, מיט דינינקע שטריכן ארומאָלן אפילו אן אנעקדאָט, אזוי, אז ער ווערט פארוואנדלט אין א שטיל-שמייכלענדיקע אָנצוהערעניש. „עס פידלט ניט” פארמאָגט נעמלעך נאָך א טשוואָק, אכוץ דעם אנעקדאָט מיט די צוויי מיידלעך: ס'איז דער ווונק, אז די קאלע איז „א קאפּעטשקע מעוּבערעס”.

אָבער שאָלעם-אלייכעמען האָט זיך גענוג געמאטערט, ביז ער איז געקומען צו דעם אונדז באקאנטן שעדעוור. „עס פידלט ניט” (1900) איז געוואקסן כאָאָטיש, ניט פארטראכט באלד דעם אָנהייב און דעם סאָף. דערפאר באשטייט דער ערשטער וואריאנט פון „עס פידלט ניט” פון צוויי אומאָפּהענגיקע טיילן:

1) אין „וואָס טוט מען” ראט שאָלעם-אלייכעם מענאכעם-מענדלען זיך נעמען צו שאדכאָנעס. מענאכעם-מענדל איז מאסקים, דערווייַל אָבער קומט ער אָפּ פּייסעך אהיים. נאָך יאָנטעוו רייַסט ער זיך ארויס, קעדיי נעמען זיך צו זייַן נייַער פּארנאָסע. אין באן באגעגנט ער רעב אָשער דעם שאדכן די וויכטיקסטע שטריכן פון מענאכעם-מענדלס ליגנערישן און בארימערישן שוטעפ זייַנען שוין דאָ, מער ניט צעשמירט, צעקראָכן. זיי פירן צונויף צוויי מיידלעך, און פאָרן אוועק מיט בעזיוינעס. די סצענע, ווו רעב אָשער דערוויסט זיך, אז אויך מענאכעם-מענדל האָט א מיידל, איז שוין אריבער אין די שפּעטערדיקע אויסגאבעס קימאט אָן ענדערונגען. זי איז, אלזאָ, שוין דאָ פאראן אין איר קלאסישער געשטאלט. ס'פעלט נאָך דאקעגן די פּרעכטיקע געשטאלט פון דער מענושעמדיקער קאלע אין דעם מעשונעדיקן קאפּאָט.

2) מענאכעם-מענדל געפינט אין זייַן אכסאניע דאָס פּעקל קסאָווים, וואָס א שאדכן האָט איבערגעלאָזן, מיט די באקאנטע הומאָרפולע כאראקטעריסטיקעס (כאָטש אין די שפּעטערדיקע אויסגאבעס זייַנען זיי אסאך בעסער, ניט אזוי אייַנטאָניק). ער פירט אויס א שידעך פון פּערלע די דאמע מיט אן אפּעריסט, וואָס האָט שוין דערצו א ווייַב.—

א שטארק צעצויגענער און צעפלאָסענער עפּיזאָד. ווײַזט אויס, אַז שוין נאָכן ערשטן פּײ איז בא שאָלעם-אַלייכעמען געבוירן געוואָרן דער טײַערער אײַנפאַל מיט דער ליבע־ כאַסאַנים, און ס׳איז אַזוי אַרום אויסגעוואַקסן דער עפּיזאָד מיט פּערלען דער דאַנע (האָב פּיגורירט, ווי באַקאַנט, אין „יאָסעלע סאָלאָוויי״). שפּעטער האָט שאָלעם-אַלייכעם צוזאַ־ מענגענאָסן ביידע טיילן, שטאַרק זיי געפּײַלט און געשליפן, און אַזוי איז אַנטשטאַנען „עס פידלט ניט״.

אָבער אויך אין די סעריעס, וואָס זײַנען געבליבן אָן גרעסערע אין וועזנטלעכן ענדערונגען, האָט ש. א. דורכגעפירט א גרינטלעכע רעוויזיע, געענדערט אפילע איינצלנע אויסדרוקן, אַרײַנגעשריבן אָפּט און צוגעגעבן גאַנצע שטיקער. מיר האָבן שוין דערמאָנט אַז צו ד׳, סעריע, „א בעקאָוועדע פּאַרנאָסע״ האָט שאָלעם-אַלייכעם צוגעשריבן צוויי בריוו, יענע, וואָס זײַנען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „פרײַנט״ 1908, און דאָ געפינען מיר צ. ב. דעם פּרעכטיקן פּאָרטרעט פונעם שלימאַזל. (7-טער בריוו). פאַרגלײַכן מיר ווײַטער „לאָנדאָן״ פון דער קאַנאָנישער אויסגאַבע מיטן ערשטן וואַריאַנט פון יאָר 1892, זעען מיר אויך דאָ אָפּ שריט און טריט א ביז גאָר פלײַסיקע אַרבעט: ש. א. האָט צ. ב. אַרײַנ־ געשריבן די גאַנצע מײַסע, ווי מענאַכעם-מענדל קומט צום פעטער מענאַשע אָפּגעבן דעם נאַדאָן, און א כוץ א נײַעם אויסגעצייכנטן עפּיזאָד, איז די געשטאַלט נאָך מער קאָנקרע־ טיזירט געוואָרן, עס איז געוויזן געוואָרן מענאַכעם-מענדלס „פאָרגעשיכטע״. עס פעלן נאָך אינגאַנצן אין דעם ערשטן וואַריאַנט די שפּעטער אַזוי באַרימט-געוואָרענע פראַזן, „און מאַכמעס איך האָב קיין צײַט ניט, מאַך איך דאָס בעקיצער״. עס פעלן די באַריכטן „איקאָר־שאַכאַכטי״, וואָס גיבן אַזאַ פײַנע קינסטלערישע דעטאַל צו מענאַכעם-מענדלס בלו־ האָלע און צעטראָגנקײַט (פּאַראַנ, אַגעוו, אַנ „איקאָר־שאָכאַכטי״, ווו די צעטראָגנקײַט דער־ גייט שוין צו אַזאַ מאַדרייגע, אַז מענאַכעם-מענדל פאַרגעסט שוין אפילע דאָס, וואָס ער ז.אָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט פאַרגעסן: „איקאָר־שאָכאַכטי״. איך האָב אײַנ־ זינען געהאַט דיר שרײַבן עפּעס זייער א נויטיקס, האָב איך פאַרגעסן וואָס. לאָז איך שוין מירצעשעם אָפּן צווייטן מאָל״. „מיליאָנען״, בריוו נום. 19). עס ווערן פאַרברייטערט שיינע־ שיינדלס בריוו, און דאָ איז קעדײַ צו פאַרצייכענען, אַז אין דער ערשטער סעריע „לאָנ־ דאָנ״ פון 1892 פיגורירט נאָך ניט דער דריטער העלד פונעם ווערק, די מאַמע מיט אירע באַרימטע ווערטלעך. צום ערשטן מאָל באַווײַזט זי זיך אין דער דראַמע „יאַקנעז האָז״ (1894), און אין שיינע-שיינדלס בריוו, וואָס מענאַכעם-מענדל לייענט בא פײַפּערן אין קאַנטאָר, געפינט זיך שוין אַזאַ מין אַבזאַץ: „אוי, די מאַמע מײַנע איז טאַקע א כאַ־ כאָמע. הערסטו, טאָכטער מײַנע, געטרײַע, פלעגט זי מיר זאָגן באַלד נאָך דער כאַסענע, עפּעס געפעלט מיר ניט דאָס מאַנעכל דײַנס, דאָס באַשטענדיקע קוצעניו-מוצעניו זײַנס מיט דיר, ווי זאָגט מען: זײַ מיר ניט צו זיס, איך זאָל דיך ניט אײַנשלינגען; זײַ מיר ניט צו ביטער, איך זאָל דיך ניט אויסשפּײַען״... דאָס איז אַלץ. אָבער שוין אין דער זעקסטער סעריע, אין די „פּאַפּירלעך״ פון יאָר 1896, האָט שאָלעם-אַלייכעם זיך צוגעכאַפּט, ווי צו אַן עוונטויוו, צו אָט דעם פּראַכטפולן געשטאַלט, און זי ברייט אויסגעבויט. דאָ האַלט שוין די מאַמע, אַכוץ ווערטלעך, אפילע א גאַנצן מאָנאָלאָג: „א מאַן—זאָגט זי—טאָר מען ניט אָפּלאָזן אָפּ קיין מינוט, דען—זאָגט זי—אַז דער טעסער זיצט אָפּ די שפּענער, זייען די שפּענער שפּענער... איך האָב, זאָגט זי, פריִער געוווּסט, אַז קיין גוטער סאָף וועט דערפון ניט אַרויס; א געלט-שידעך, זאָגט זי, האָט זיך מיר פאַרגלוסט, ווי זאָגט מען: כאַזער, האָסט געלט? זײַ מײַן מעכוטן! א שמאַלץ-גרוב, זאָגט זי, די שמאַלץ רינט אויס,

י גרוב בלײַבט א
ייאָלט איך איר גו
טיקן. איך וואָלט
מערקווירדיק ז
דער זײַט, אין אי
זיי אומגעדרייט פא
אין קאָנטיקע געט
פון שיינע-שיינדלו
עס לוינט אוי
נאָך דער באַרימט
וואָס שפּיגלט אָפּ
נאַכלויפן און נאָך
די בריוו פון פון
קינסטלערישן כוח
„לאָנדאָן״ 1892:
„און וואָס דו
דיר געקויפט עפּ
פרימא-טכוירע, ו
אינעם שפּעט
„און וואָס ד
פון דײַנעטוועגן,
א זייגערל, א גי
בראַנזעליעטן ה:
זאָג איך דיר, פ
טאַקע געק וופ
דער לעצטער ג
דער אַלגעמיינער
זײַן פאַנטאַזיע ז
„גילדערנע
דולע אָפּ דער נ
פענצטער? ווי
נאָר א כאַלעם״.
אינטערעסאַ
האָט שאָלעם-אַל
אָוועקגעגעבן די
געקויפט״...
שאָלעם-אַלי
מענדלען באַשו
בעסטן, בעטע
אַז כאָטש פּערז
נער קיט״ און

די גרוב בלײַבט איבער. בריוועלעכ, זאָגט זי, וואָלט איכ אימ געשריבנ? פונ קאַדאָכעס וואָלט איכ אימ געשריבנ. ווער ס׳פאַרשטייט ניט אפנ ווונק, זאָגט זי, דעמ גיט מענ מיטנ שטעקנ. איכ וואָלט איב, זאָגט זי, אפ א בעזימ אראָפגעבראַכט אהיימ, אפ א קאָטשערע!״

מערקווירדיק איז, וואָס כאָטש די שוויגער ווערט קעסיידער געגעבנ אינ פראָפיל, פונ דער זײַט, אינ אירע ווערטלעכ אונ יענע קורצע אָפגעהאַקטע באַמערקונגען, וואָס ווערנ די אומגעריכטע פאָרטראָגנ אינ שיינע־שיינדלס בריוו וואַקסט זי דאָכ אויס אינ א בוילעטע אונ קאָנטיקע געשטאַלט, אונ גיכ ווערט זי פאַרוואַנדלט אינ די ווידטיקסטע אטראַקציע פונ שיינע־שיינדלס בריוו.

עס לוינט אויכ צו פאַרצייכענענ, אז אינעמ ערשטנ וואַריאַנט פונ „לאַנדאָנ״ פעלט נאָכ דער באַרימטער רעפרענ אינ מענאכעמ־מענדלס בריוו „אונ איכ אויכ בעסויכאַמ״, וואָס שפיגלט אָפ זײַנ סטאַדע־געפיל, אומבאַהאָלפנקײַט אינ דער גרויסער שטאָט אונ דאָס נאָכלויפנ אונ נאָכמאַכנ אנדערע. ביכלאל האָט שאָלעמ־אלייכעמ גרינטלעכ פאַרבריטערט די בריוו סײַ פונ מענאכעמ־מענדלענ, סײַ פונ שיינע־שיינדלענ, אונ מיט אויסגעצייכנטנ קינסטלערישנ כוש געענדערט אפילע קליינע דעטאַלנ. אזוי צומ בײַשפיל, לייענענ מיר אינ „לאָנדאָנ״ 1892:

„אונ וואָס דו שרײַבסט מיר מעקויעכ א מענטעלע, בינ איכ דיר מוידיע, אז איכ האָב דיר געקויפט עפּעס בעסערס, הײַנע א זייגערל מיט א קייטל אונ א פאָר בראַנזולעטנ פרימאַ־סכוירע, וואָס מע זעט דאָס ניט בא אײַכ!״

אינעמ שפּעטערדיקנ קאַנאָנישנ טעקסט לייענענ מיר דאַקעגנ:

„אונ וואָס דו שרײַבסט מיר מעקויעכ א מענטעלע, אז איכ זאָל דיר קויפנ, האָב איכ פונ דײַנעטוועגנ, זוגאָסי האיעקאָרע, בעסער אויסגעקוקט א שענערע זאַכ, דעהײַנע: א זייגערל, א גילדנס מיט א מענדעליאָנ אונ מיט א גילדנ קייטל אונ מיט א בראָש, אונ בראַנזולעטנ האָב איכ געזענ אינ פענצטער, טאַקע ניט ווײַט פונ פראַנקאָניענ — זאָג איכ דיר, פרימאַ שעבע־פרימאַ!״ אינ דעמ ערשטנ וואַריאַנט האָט עס מענאכעמ־מענדל טאַקע געקויפט, אינ דעמ לעצטנ נוסעכ בלויז אויסגעקוקט אינ פענצטער. קלאָר, אז דער לעצטער נוסעכ איז אָנ א פאַרגלײַכ שאַרפער אונ בעסער, ער אנטשפּרעכט מער צו דער אלגעמיינער קאָנצעפּציע פונ מענאכעמ־מענדלענ, שפּיגלט בעסער אָפ די אַרבעט פונ זײַנ פאַנטאַזיע אונ גלײַכ קומט טאַקע א צערייצטער ענטפער פונ שיינע־שיינדלענ:

„גילדערנע זייגערלעכ מיט בראַנזולעטנ האָסטו דערזענ אינ פענצטער אינ אָדעס? א געדולע אפ דער באָבע! וואָס טויגנ מיר דײַנע מאַטאָנעס, מענדל, וואָס דו זעסט זיי דורכנ פענצטער? ווי זאָגט די מאַמע, זאָל לעבנ: קרעפּלעכ אינ כאָלעמ איז ניט קיינ קרעפּלעכ, נאָר א כאָלעמ״...

אינטערעסאַנט איז אָבער, אז אינ דעמ לעצטנ בריוו פונ מענאכעמ־מענדלענ (נומ. 11), האָט שאָלעמ־אלייכעמ ניט באַמערקט אונ איבערגעלאָזנ דעמ אלטנ נוסעכ: „איכ האָב אוועקגעגעבנ דאָס גאַנצע פאַרדינסט, מיטנ קערנ, מיטנ צירונג, וואָס איכ האָב דיר אײַנגעקויפט“...

שאָלעמ־אלייכעמס גרעסטער אופטו באַמ צוגרייטנ די בוכ־אויסגאַבע פונ מענאכעמ־מענדלענ באַשטייט אָבער אינ דעמ, וואָס ער האָטווירקלעכ געשאַפנ דעמ ענדגילטיקנ, בעסטנ, בעמעס קאַנאָנישנ נוסעכ פונעמ ווערק. צומ פאַרגלײַכ וועלנ מיר דערמאָנענ, אז כאָטש פּערעצ האָט קעסיידער, זינט סאָפ 1902 ביז 1914, געאַרבעט אפ דער „גאָלדענער קייט“ אינ ניט ווייניקער ווי פינפ מאָל זי איבערגעאַרבעט, פאַרמאָגנ מיר נאָכ אלצ

ניט קיין קאנאָנישן טעקסט פון אָט דער וויכטיקסטער דראמע פּערעצעס, און דער לעצ־טער, דער פינפטער וואריאַנט פון דער דראמע פון די יאָרן 1912־1913 איז אסאך ערגער פונעם פערטן (געדרוקט 1910). דער וויסנשאפטלעכער ארויסגעבער פון דער „גאָלדענע־קייט" וועט שטיין פאר א שווערער אויפגאבע, און ער וועט זיך, ווייזט אויס, מוזן אנ־שליסן לייגן אין גרונט דעם פערטן וואריאַנט, אָבער גלייכצייטיק אריינפלעכטן אייניקע בעסערע וואריאַנטירונגען פונעם פינפטן טעקסט (אשטייגער, פינכאָסעס פארברייטער־ מאָנאָלאָג), אויב ער וויל ווירקלעך געבן דעם בעסטן און קינסטלערישסטן נוסעך פון דער דראמע. פּערעצעס אַלע נייע וואריאַנטן פון דער „גאָלדענער קייט" נעמען זיך טאקע פון דער אומעגלעכקייט צו געבן א קאנאָנישן טעקסט, פון דער אומקלאָרקייט פון דער איד־ פון דער דראמע פאר פּערעצן גופע, זיי שפּיגלען אָפּ פּערעצעס אידייִשע צעוודערונ־ און צעפּאָרנקייט, אין דער צייט, ווען שאָלעם־אליינעמס וואריאַנטן נעמען זיך פון דער אויסגעוואקסענער קלאָרקייט און העלקייט פון דער אידיי פונעם ווערק און פּראָצעס פון דער לאנגיאָריקער עקזיסטענץ פון מענאכעם־מענדלען, וואָס צווינגט אנטשפּרעכנדיק פאר־ זיפּן און דערהויבן די פריערדיקע וואריאַנטן.

דאָס מענאכעם־מענדל־ווערק איז ניט נאָר זעקס אָפּגעקליבענע בעסטע און אויסגעבעסערטע סעריעס—עס איז אויך א פּולקאָם גע־ שלאָסן ווערק מיט א פעסטער און גוט דורכגעטראכטער אינעווייניק־ סטער סטרוקטור. עס איז פארשפּרייט גראַד א פאַרקערטע מיינונג, לויט וועלכער דאָס מענאכעם־מענדל־ווערק איז אן אריטמעטישע סומע פון א ריי סעריעס, וואָס וואָלט געקאָנט נאָך פארברייטערט ווערן אָדער פארקערט געקירצט ווערן. דאָס איז אָבער אין גאנצן ניט ריכטיק. דאָס מענאכעם־מענדל־ווערק פארמאָגט (אין דער קאנאָנישער פאַרם) א פעסטע אינעווייניקסטע קאָמפּאָזיציע, וואָס דרינגט אדורך סיי די סטרוקטור פון די איינצלנע סעריעס, סיי דאָס ווערק ווי א גאנצקייט, א קאָמפּאָזיציע א שטאַרק בויגע־ דיקע מיטן ציל צו געבן אן אויסשעפּנדיק בילד פון דעם העלד און גלייכצייטיק אויסצו־ מיידן די געפאר פון כאָנאָטאָנער איבערכאַזערונג.

און קוקן מיר זיך צו אופמערקזאמער צו דער סטרוקטור פונעם ווערק, איז לייכט צו באמערקן, אז די ערשטע צוויי סעריעס („לאָנדאָן" און „פּאַפּירלעך") זיינען געבויט אף איין שניט און באשטייען אפילע פון דער זעלביקער צאָל בריוולעך (12). זיי זיינען גע־ בויט אפן פּרינציפּ פון קעסיידערדיקן אָנוווּקס פון מענאכעם־מענדלס האָפערדיקייט, עס שטייגט פון בריוו צו בריוו די טעמפּעראטור פון מענאכעם־מענדלס באַריכטן וועגן זיינע געשעפטן, עס שטייגט זיין היצ. נעמען מיר צ. ב. „פּאַפּירלעך", באקומט זיך אזא מין שטייגנדיקע ליניע פון מענאכעם־מענדלס „היצ":

בריוו נום. 1: „דער אויבערשטער האָט ראַכמאָנעס געהאַט, פּאַפּירלעך האָבן זיך א הויב געטאָן, און איך האָב מיין פּרעמיע פארקויפט מיט רעוואָכים"... מענאכעם־מענדל—אזוי ווי ער וואָלט נאָך ניט געגלויבט אין זיין גליק, דער טאָן איז נאָך ניט א זיכערער, א האַכנאָעדיקער („דער אויבערשטער האָט ראַכמאָנעס געהאַט"), עס פילט זיך נאָך דער נעכטיקער גרויסער דורכפאַל.

אין דעם נעקסטן בריוו נום. 3, איז שוין דער טאָן פעסטער: „יידן פארדינען געלט און איך אויך בעסויכאָם", אָבער דער פארדינסט ווערט נאָך פארבונדן מיט דער פאַרויסזאָג אפן קלאָל („און איך אויך בעסויכאָם").

אינעם ווייטערדיקן בריוו, נום. 5, שוין אבסאָליוטע זיכערקייט אין זיך און דאָס אק־

צענטירן די אייגענע גרויסקייט: „וועהאשייניס, זײַ וויסן, אז איך גיי שוין קיין ...ארשע"...

דער 7־טער בריוו איז דער הויכ־פונקט, די זיכערקייט גייט שוין אריבער אין שיק־...רעס, אין קאָפּ־שווינדל: „וועהאשייניס, זײַ וויסן, אז איך קנאק און פלי, איך ברען, איך ...שפרינג אין פײַער, איך וואקס, איך וואקס"!

אפן 11־טן בריוו אין ביידע סעריעס קומט דער בראָך, די קאַטאסטראָפע.

די דריטע סעריע „מיליאָנען" איז שוין אנדערש געבויט. זי שטייט אין צענטער פון ...גאנצן ווערק און איז די גרעסטע לויט דער צאָל בריוו (24). נאָכגיין די פאָרם פון „לאָנ־...דאָנ" און „פאפירלעך" וואָלט באדײַט א באשטימטע געפאר פון קאָמפּאָזיציאָנעלער איבער־...כאזערונג און מאָנאָטאָניע. די סעריע איז געבויט אפ אן אנדער פרינציפּ: קעסיידער־...דיקער ריטמישער שטײַגן און פאלן. מענאכעם־מענדל ווארפט זיך פון איין גע־...שעפט צום צווייטן, און לײַדט טייקעף א מאפּאָלע. אפ יעדן געשעפט קומען געוויינטלעך ...צוויי (אמאָל דרײַ) בריוולעך דער ערשטער פול מיט היספּײַלעס, דער צווייטער קלאָגע־...נישן און אויסניכטערונג. די קאָמפּאָזיציע־ליניע גייט דאָ אזוי:

בריוו נומ. 1: „וועהאשייניס, זײַ וויסן, אז איך בין שוין אויס שפּעגעליאנט... איך ...האָב מיך באצײַטנס ארומגעקוקט, און כ׳האָב מיך א וואָרף געטאָן אפ אן אנדער פּאר־...נאָסע, א בעקאָוועדע פּארנאָסע, הײַנע, איך בין איצט געוואָרן א מעקלער"...

בריוו נומ. 5: „וועהאשייניס, זײַ וויסן, אז דו האָסט געטראָפן. דער צוקער־געשעפט איז ...גאר מיר טאקע קיין געשעפט ניט... מיט גאָטס הילף איך האָב איצט א געשעפט אין די ...הענט, ווייס איך, אז ס׳איז א געשעפט, הײַנע: איך גיי ארום געלט, איך מאך האלוואָעס"..

בריוו נומ. 7: „וועהאשייניס, זײַ וויסן, אז דאָס געלט־געשעפט איז א קאבצאָנישער ...אייסעק... האקלאל, איך האָב א שפּײַ געטאָן אפ דעם געלט־געשעפט און כ׳האָב מיך גע־...נומען צו הײַזער"...

בריוו נומ. 9: „וועהאשייניס זײַ וויסן, אז דאָס געשעפט פון הײַזער איז בלאָטע. איך ...האָב מיך באצײַטנס א נעם געטאָן צו אנדערע מיסכאָרים, צו אימעניעס"...

בריוו נומ. 13: „וועהאשייניס, זײַ וויסן, אז איך האנדל שוין איצינד נאָר מיט וואלד, ...וואָרעם א אימעניע אָן א וואלד איז ווי א שטוב אָן א קוימען"...

בריוו נומ. 15: „וועהאשייניס, זײַ וויסן, אז פונעם וואלד האָט זיך אויסגעלאָזט א סטעפּ.. ...וואָס־זשע האָב איך געטאָן? האָב איך מיך באצײַטנס א נעם געטאָן צו אן אנדער געשעפט, ...צו זאוואָדלעך..."

אין דער פערטער סעריע א „בעקאָוועדע פּארנאָסע" כאזערט זיך ווידער איבער דער ...קאָמפּאָזיציע־פּרינציפּ פון „לאָנדאָנ" און „פּאפירלעך", ד. ה. דער פּרינציפּ פונעם קעסיי־...דערדיקן אָנוווקס, און דאָס ריטמישע שטײַגן און פאלן ווי אין „מיליאָנען". ער איז דאָ ...דורכויס בארעכטיקט נאָך יענער קאָמפּאָזיציע־ענטוויקלונג, וואָס ס׳האָט געגעבן די סעריע ...„מיליאָנען".

בריוו נומ. 1: „איך בין געוואָרן לעמאזל א שרײַבער. איך שרײַב! ווּעסטו דאָך מיס־...טאָמע פרעגן, ווי קום איך צו שרײַבערײַ? ס׳איז מײַן האשאָמאים". עס איז א פּאראלעל צו ...דער אויבער־שטער האָט ראכמאָנעס געהאט" פון דעם אָנהייב פון „פּאפירלעך".

בריוו נומ. 3 איז פעסטער און זיכערער אין טאָן: „וועהאשייניס, הײַנע זײַ וויסן, אז ...עס וועט מירצעשעם זײַן רעכט..." דער „מירצעשעם" ווײַזט אָבער נאָך ניט אפ אן אבסאָ־...לוטער זיכערקייט.

בריוו נומ. 5 איז נאָך זיכערער: „וועהאשיינים זײַ וויסן, אז איך האָב שוין אויסגע
ריבן צוויי פלעשער טינט, איך האלט שוין באַם דריטן...״
א ווײַטערדיקן אָנוווקס ברענגט בריוו נומ. 7: „וועהאשיינים זײַ וויסן, אז איך בי
שוין מיט דער באַלעבאָסטע פארטיק און איך האָב מיך גענומען צו די אָרכים פון די
אכסאַניע״...
אין בריוו נומ. 9 קומט דער קראַך: „וועהאשיינים, זײַ וויסן, אז דײַן בריוו איז גע
וועזן פאַר מיר ווי א פּיסטויל אין הארצן... איך האָב אַלץ געמיינט אָט־אָט. אזויפיל פּאַ
פיר און טינט אויסגענוצט, אזויפיל שיינע זאַכן אויסגעטראַכט, אָפּגעשריבן זיך אַלע פי
גער — און די רעדאַקציע זאָל עס מיר אפילו ענטפערן... ערגער קאָן שוין ניט זײַן...״
אין די לעצטע צוויי סעריעס, „עס פידלט ניט״ און „שלים־שלימאזל״ ווארפט שוי
אָפּ שאָלעמ־אַלייכעמ אינגאַנצן די פריערדיקע קאָמפּאָזיציע־פּרינציפּן, זאָגט זיך אָפּ פ
דער פאָרמ פון טאָפּעלטע בריוו, עס פאַרשווינדן שוין אינגאַנצן שיינע־שיינדלס בריוו אי
די לעצטע צוויי סעריעס זײַנען פאַקטיש צוויי גרויסע נאָוועלעס־מאָנאָלאָגן אין דער פאָר
פון איינציקע גרויסע בריוו פון מענאַכעמ־מענדל. מיט אַן אויסגעצייכנטן קינסטלערי
כוש האָט שאָלעמ־אַלייכעמ דערפילט, אז די פריערדיקע־קאָמפּאָזיציע־ראַמ ווערט שוין מ
נאָטאָן, שאַבלאָנ־אַרטיק, און אז ביפראַט איז עס נעגייע שיינע־שיינדלס בריוו. ווארע
אויב אין מענאַכעמ־מענדלס בריוו בײַטן זיך מיט זײַנע געשעפטן די פאַבולע, די טיפּ
די כוואַליע, זײַנען דאָך שיינע־שיינדלס בריוו בלויז גלײַכמעסיקע. קעסיידער די זעלביקע
אָפּקלאַנגען פון זײַנע מייסים אין דער שטייענדיקער בלאָטע פון קאַסרילעווקע. אין שיינע
שיינדלס בריוו איז גיכער צום אויסדרוק געקומען דאָס שטייפּ ווערן, דער אָנהויב פ
דער שטאַמפּירונג פונעמ מענאַכעמ־מענדל־פורעמ. און זייערע אידייִשע ציל־אײַנשטעלונג
די קריטיק און די דעמאַסקירונג פון דער אילוזאָרישער וועלט פון מענאַכעמ־מענדל
געשעפטן — האָבן שיינע־שיינדלס בריוו שוין אויסשעפנדיק אויסגעפירט אין די פריערדיק
סעריעס.
אזוי אַרום האָט שאָלעמ־אַלייכעמ געשאַפן מיט גרויסן קינסטלערישן טאַקט און געש
מאַק א פעסטע און גלײַכצײַטיק בויגעוודיקע, רײַכע און וואַריִרטע קאָמפּאָזיציע־ראַמ פאַ
זײַן ווערק.
... אָט אזוי איז אַנטשטאַנען שאָלעמ־אַלייכעמס געניאַלע ווערק, דאָס גרעסטע ווער
פון דער פאַראָקטאָבערישער יידישער ליטעראַטור און איינס פון די בעסטע ווערק אי
דער וועלט־ליטעראַטור.

קיִעוו, יאַנוואַר־אַפּרעל 1935 י.

סערעבריאַ

(ס. טיי

וועגן דעם
שאַפן. די פּאָע
שטענדיקער קאָ
אָנגעמערקטע ש
שוין אין ד
טעריסטישע גרו
כענער פּובליצי
איניציאַטיוו פו
ווירקלעכקייט
דעם האַרעפּאַש
דריקן אַקטועל
„פּראָלעטאַ
דער דיכטער
גייט, מיט אי
מיט דעם צענ
אין א ראָמאַ
אין פּרינצ
אין פאַרגלײַכ
כאַזוערונגען:
בערן און
אין טייפּס
אויסטערלישע
לעבקײַט, ד
מע זאָגט